YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv08i24

# GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 8 Issue 24
June 1926

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

## Gerechtigkeit (Vol. 8, Iss. 24)

### Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

### Comments

*Justice* was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/309

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

# גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VIII. No. 24. | New York, Friday, June 11, 1926 | פרייטאג, 11טער יוני, 1926 | PRICE 3 CENTS

## שאפ־טשערלייט הייסען גוט די שטעלונג פון דער יוניאן; יוניאן רופט באלעבאטים צו א קאנפערענץ

### פארזאמעלטע אין קופער יוניאן שטעלען זיך אויף צו עהרען דעם אנדענק פון מאיר לאנדאן. — רעזאלוציע אין באצוג דער יוניאנ׳ס שטעלונג צום רעפארט פון גאווערנאר׳ס קאמישאן איינשטימיג אנגענומען.

דינסטאג אווענט, דעם 8טען יוני, איז אין קופער יוניאן אפגעהאלטען געווארען א גרויסע פארזאמלונג פון שאפ טשערלייט, און די טשערלייט פון די „בלאק־קאמיטעס" פון דער קלאוקמאכער יוניאן. דער גרויסער קופער יוניאן האל איז געווען איבערגעפילט. א סך מענשען האבען געמוזט שטעהן, ווייל עס איז מעהר נישט געווען וואו צו זיצען. דער גרויסער עולם איז געקומען פריה. ארום 6 אזייגער איז דער גרויסער האל שוין געווען אנגעפילט מיט קלאוקמאכער.

ברודער סטענזאר, פון לאקאל 2, דער טשערמאן פון דזשאינט באארד, איז געווען דער טשערמאן פון דער פארזאמלונג.

דער מיטינג האט געהאט פאר זיך צו פארהאנדלען בלויז איין פראגע, בלויז איין פונקט: — וואס זאל זיין די שטעלונג פון דער יוניאן צו די רעקאמענדאציעס וואס זיינען געמאכט געווארען אין דעם רעפארט פון גאווערנאר׳ס קאמישאן, אין דעם סכסוך אין קלאוק טרייד, וואס ציהט זיך שוין אריבער צוויי יאהר.

ברודער ל. הײמאן, גענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד, האט איינגעלייט די פארזאמלונג. ער האט אנגעוויזען אויף די אלע פונקטען, וואס געפינען זיך אין דעם רעפארט פון גאווערנאר׳ס קאמישאן, אויף די רעקאמענדאציעס וואס ווערען דארט געמאכט, ווי די קאמישאן דענקט, אז דורך דעם קאן פארבעסערט ווערען די לאגע פון די קלאוקמאכער, און האט אויפגעפאדערט די טשערלייט ארויסצואזאגען זייער מיינונג, צי די יוניאן זאל די דאזיגע

(שלוס אויף זייט 10)

## פרעזידענט זיגמאן אין קליוולאנד און שיקאגא

פאראכטאגען פרייטאג איז פרעזידענט זיגמאן אפגעפאהרען פאר א קורצען טריפ אין דער וועסט, נאך קליוולאנד און שיקאגא.

פרעזידענט זיגמאן איז אנגעקומען אין קליוולאנד שבת אין דער פריה, דעם 5טען יוני, און האט אנטייל גענומען אין דעם פארהער, וואס איז פארגעקומען פאר׳ן באארד אוו רעפעריס, וועגען א העכערונג אין ווייידזשעס פון די קלאוק און דרעס מאכער. מעהר וועגען דעם וועלען די לעזער געפינען אין די נייעס פון קליוולאנד.

זייענדיג אין קליוולאנד, האט ער זיך באקענט מיט דער לאגע אין דער יוניאן בכלל און איז פון דארט אפגעפאהרען נאך שיקאגא.

אין שיקאגא האנדעלט זיך איצט וועגען דעם גרויזאמען אורטייל געגען די 91 מיטגלידער פון דער יוניאן, וועלכע זיינען פאראורטיילט געווארען צו א פריזאן־טערמין פאר דעם דרעסמאכער־סטרייק פון 1924. זיי זיינען פאראורטיילט געווארען פאר זיין אויף דער פיקעט ליין אין יענעם סטרייק, ווען

(שלוס אויף זייט 10)

## קליוולאנד קלאוק און דרעסמאכער קריגען א העכערונג אין ווייידזשעס

### פרעזידענט זיגמאן אנוועזענד אויף דעם פארהער פאר׳ן באארד אוו רעפעריס.

שבת, דעם 5טען, און מאנטאג, דעם 7טען יוני איז פארגעקומען א פארהער פאר׳ן באארד אוו רעפעריס אין דער קליוולאנד קלאוק און דרעס אינדוסטריע וועגען די ווייידזש סקיילס פון די ארבייטער. די יוניאן האט מיט א געוויסער צייט צוריק ארויסגעשטעלט א פאדערונג צו העכערען די ווייידזש־סקיילס פון די ארבייטער, און די פראגע איז איצטער אויפגענומען געווארען. די פארשטעהער פון דער יוניאן האבען באוויזען, אז לויט דעם הויכען „קאסט אוו ליווינג" זיינען די ארבייטער בארעכטיגט צו באקומען א העכערונג אין די ווייידזשעס. פרעז. מאריס זיגמאן איז ספעציעל ארויסגערופען געווארען צו זיין אנוועזענד אויף דעם פארהער און ער האט גענומען אן אנטייל אינ׳ם פארלייגען דער יוניאנ׳ס קייס פאר׳ן באארד אוו רעפעריס.

דער רעזולטאט פון דעם פארהער איז, דאס דער באארד אוו רעפעריס האט באוויליגט א העכערונג פון 2 דאל. און $2.50 א וואך צו אלע ארבייטער. אויך

(שלוס אויף זייט 10).

## נישטא מעהר מאיר לאנדאן!

### אונזער אינטערנעשאנעל שיקט בלומען און באטייליגט זיך אפיציעל אין דער לויה. — אינטערנעשאנעל בילדינג איינגעהילט אין טרויער. — פרעזידענט זיגמאן און סעקרעטער באראף שיקען א טרייסט ווארט צו לאנדאנ׳ס פאמיליע.

זונטאג, דעם 6טען יוני האט דער טויט פון אונז אוועקגערויבט איינעם פון אונזערע בעסטע און ליבסטע פריינד, בר. מאיר לאנדאן.

זונטאג ביינאכט, וועלענדיג אריבערגעהן א גאס לעבען זיין וואוינונג, האט אן אויטאמאביל איהם אומגעווארפען, און איהם שרעקליך פארוואונדעט. 10 אזייגער אין אווענט איז ער געשטארבען אין האספיטאל.

דער אומערווארטעטער, פריהצייטיגער טויט פון גענאסע און ברודער מאיר לאנדאן, האט געטראפען אלע זיינע פריינד ווי א דונער־קנאל פונ׳ם לויטערען הימעל! און עס איז ווירקליך שווער צו גלויבען אז ער, מאיר לאנדאן, דער גוטמוטיגער מענש מיט׳ן ליבען שמייכעל, איז טויט! עס איז שווער צו גלויבען, אז מאיר לאנדאן, דער מאן וואס איז באזעסען אזא מאגנעטישע קראפט צו באצויבערען די גרויסע פאלקס־מאסען מיט זיינע פייערדיגע רעדעס, איז שוין מעהר ניטא מיט אונז, אז זיין מויל איז שוין אויף אייביג געשלאסען!

עס איז אבער דאך א טרויעריגער פאקט און מיט געבויגענע קעפ און פארוועהטאגטע הערצער שטעהען מיר ארום זיין ארון און לעגען דארט אוועק אונזער בלומען קראנץ. א קראנץ צונויפגעפלאכטען פון אלע זיסע עראינערונגען וואס מיר האבען וועגען איהם, וואס פארבלייבט אלס אן אומאפשאצבארע ירושה.

מאיר לאנדאן איז א גרויסער פארלוסט פאר די גאנצע סאציאליסטישע און ארבייטער וועלט. אבער נאך א פיל גרעסערער פארלוסט איז ער פאר אונזער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן. צוזאמען מיט אונז האט ער געלעבט און זיך באוועגט און די צעהנדליגער טויזענטע מיטגלידער פון אונזער יוניאן וועלען שטענדיג זיין נא־

(שלוס אויף זייט 12)

## בלויז איין וואך איז פארבליבען צו דער עפענונג פון דער יוניטי הויז

### האט איהר שוין זיך רעדזשיסטרירט ארויסצופאהרען? — שבת און זונטאג, דעם 18טען יוני, וועט אין דער יוניטי הויז זיין א גרויסער יום טוב.

די ערעפענונג פון דער אינטערנעשאנעל יוניטי הויז אין פארעסט פארק, די פראכטפולע זומער היים פאר די מיטגלידער פון אונזער יוניאן און פאר זייערע פאמיליעס און פריינט, איז געווארען א יום טוב אין די רייהען פון אונזער ארגאניזאציע און אין דעם עפענטליכען לעבען בכלל. אומעטום גרייט מען זיך צו פאהרען אין דער יוניטי הויז, און ווער עס פאהרט אין דער יוניטי הויז, דער פיהלט זיך יום טובדיג. די וואס זיינען שוין איין מאל געווען דארט ווערען באגייסטערט ווי נאר זיי נעמען טראכטען פון פאהרען. און א ספעציעלער צויבער־קראפט ליגט אין דעם פאהרען צו דער עפענונג פון דעם ארבייטער טעמפעל, די יוניטי הויז! עס איז ניט עפעס גלאט א „פאהרען אין א קאנטרי", — עס איז א דעמאנסטראציע פון דער מאכט פון ארבייטער איינינקייט און סאלידאריטעט! מען פאהרט ניט אליין, מען פאהרט אין מאסען! די גאנצע טריין איז איינגעטונקט אין יום טוב׳דיגקייט און ביי יעדען טאנצט דאס הארץ פון פרייד. עס איז ווערט כל הגעלטען בלויז דאס פאהרען אליין, בלויז צו כאפען דעם הייליגען נשמה־ציטער, וואס די באגייסטערונג רופט ארויס אויף דער

(שלוס אויף זייט 2).

## א ספעציעלער מיטינג פון דער ארגאניזאציאנס קאמיטע דעם דאנערשטאג

היינט, דאנערשטאג, דעם 10טען יוני, גלייך נאך דער ארבייט, וועט אפגעהאלטען ווערען א ספעציעלער מיטינג פון דער גענעראל ארגאניזיישאן קאמיטע פון דזשאינט באארד. צו דעם מיטינג ווערען אויך גערופען די סעקרעטערען און די טשערלייט פון די „בילדינג און בלאק קאמיטעס". דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען אין מאנהעטען לייסעאום, 64 איסט 4טע סטריט.

דער מיטינג איז וויכטיג, א [illegible]

דאס איז דער ערשטער „מאביליזאציע רוף" אין דעם אנקומענדען סטרייק פון די קלאוקמאכער. עס וועלען דארט דיסקוטירט ווערען וויכטיגע פראגען בנוגע דעם אנקומענדען סטרייק, וואס שיינט צו זיין אומפארמיידליך.

די מיטגלידער זיינען געבעטען צו ברענגען מיט זיך די יוניאן קארדס. אהן א יוניאן קארד וועט מען קיינעם ניט אריינלאזען. אלע זיינען געבעטען צו קומען אין צייט.

## דעם זונטאג א הייק נאך אלפיין, ניו דזשוירזי

דעם זונטאג, דעם 13טען יוני א הייק נאך אלפיין, ניו דזשוירזי, ארגאניזירט פון דעם עדיוקיישאנעל דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנאל. נעמט די וועסט־סייד סאבוויי און שטעלט אויף דייקמאן סטריט סטיישאן. זעהט, איהר זאלט אהין אנקומען ארום 9:30 אין דער פריה. די אנפירער פון דעם הייק וועלען שוין דארטען אויף אייך ווארטען. קומט אין צייט. נעהמט מיט עסען און טוט אן באקוועמע קליידער און נידעריגע שיך.

## אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 24

זייט 2. דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק־ און דרעסמאכער יוניאן — דזש. פיש.
זייט 3. עדיוקיישאנעל דעפארטמענט. וואהלען פאר באאמטע אין לאקאל 91 — ה. גרינבערג. צו די עקזאמינערס פון לאקאל 82 — ל. ראזענבלאט.
זייט 4. דעזיינערס שטעהען אויף דער וואך. א. שעק. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען.
זייט 5. צוויי שוועסטער — רעדיארד קיפלינג. אזא חוצפה! — ברויך מילער.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. טרייד־יוניאניזם און עמיגראציע דר. הערמאן פראנק. איילט זיך ניט! (פעליעטאן) — דער לעבעדיקער.
זייט 8. ביי'ם וועגען אין דער באוועגונג פאר ארבייטער־בילדונג—פאני מ. כהן. דער טרויער־שוף — שמואל קרייטער. פון א ברודער צו א ברודער—אב. קאהלין.
זייט 9. מעקסיקא — ש. גאלדשטיין. ענטפערס פון רעדאקציע.
זייט 10. שלוסען. פארשידענעס.
זייט 11. אדווערטייזמענטס און שלוסען.
זייט 12. וואס הערט זיך אין באסטאן? — דוד גארעס. שלוסען פון זייט 1.

# באארד אוו דירעקטארס און דזשאינט באארד גיבען דאס לעצטע ווארט צו די מיטגלידער

(שלוס פון זייט 1)

הייסט, אז ווײבאלד עס ווערט ניט איינגעשטעלט קיין גאראנטי פאר א באַשטימטע צאהל וואכען דורכ'ן יאהר, ווי די יוניאן האט עס געפאדערט, קאן קיין ווערט ניט האבען די באשרייבונג פון קאנטראקטאר'ס וואס עס ווערט יא געגעבען.

דאס גלייכען, איז אנגעוויזען געווארען, קאן די יוניאן ניט אננעהמען דעם פארם „לייבאר ביורא" וואס די קאמישאן שלאגט פאר. נעמליך, א לייבאר ביורא, וואס זאל זיין אינגאנצען אונטער'ן אויפזיכט פון דעם ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד.

הויפטזעכליך, אבער איז אנגעוויזען געווארען, דאס די יוניאן קאן ניט אננעהמען דעם רעארגאניזיישאן פונקט, וואס דער רעפארט באוויליגט צו די באלעבאטים, אפילו מיט די אלע באגרענעצונגען וואס דער רעפארט מאכט וועגען דעם.

און עס איז אויך אנגעוויזען געווארען, אז די יוניאן קאן ניט אננעהמען דעם רעפארט דערפאר וואס די קאמישאן האט אינגאנצען פארשוויגען די פאדערונג פון א 40 שטונדיגע ארבייטס־וואך, וואס איז אזוי נויטיג אין דער קלאוק אינדוסטריע.

כדי אביסעל צו פארקלענערען די ארבייטסלאזיגקייט. און אויך דערפאר וואס עס איז אין רעפארט גאר ניט דערמאנט, אז אין נייעם אגרימענט זאלען די עקזאמינערס און די דעזיינערס אנערקענט ווערען אלס ארבייטער און יוניאן לייט.

דער דזשאינט באארד האט איינשטימיג גוטגעהייסען דעם באריכט פון באארד אוו דירעקטארס, און איצט האט די מיטגלידערשאפט פון דער יוניאן דאס לעצטע ווארט. ווי די מיטגלידער וועלען באשטימען דורך א רעפערענדום אפשטימונג אזוי וועט עס זיין. דער רעפערענדום וועט אין גיכען געמאכט ווערען.

## א שאפ־טשערמאן מיטינג קומענדע וואך.

קומענדע וואך וועט אפגעהאלטען ווערען א שאפ טשערמאן מיטינג, וואו די פראגע וועט אויך פארגעבראכט ווערען פאר די טשערלייט. אין דער צייט ווען די שורות ווערען געשריבען איז נאך ניט באשטימט וועלכען טאג די פארזאמלונג וועט פארקומען, און אויך ניט אין וועלכען פלאץ. עס ווענדט זיך פאר ווען מען וועט קריגען א פאסענדען פלאץ.

## טשערלייט פאר אלע אפטיילונגען פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע ערוועהלט.

דער באארד אוו דירעקטאר'ס האט אויך באריכטעט, וועגען די אלע פארבערייטונגען וואס ווערען געמאכט פאר א גענעראל סטרייק, און עס זיינען פארגעלעזען געווארען די נעמען פון די טשערלייט און סעקרעטארען פון אלע אפטיילונגען פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע און אויך דער באריכט איז גוטגעהייסען געווארען.

אין קומענדען נומער וועלען מיר איבערגעבען די נעמען פון די פערזאנען וואס שטעלען צונויף די אלע קאמיטעס פון דער גרויסער גענעראל סטרייק קאמיטע.

## קאורט פסק'ענט, אז דזשאבערס מוזען באצאהלען די שכירות וואס קאנטראקטארס זעצען אן די ארבייטער

(שלוס פון זייט 1)

קאנטראקטינג פירמע און געמאכט ארבייט פאר בראַידי און פונט. די „עס" און „די" קאמפאני איז ארויס פון ביזנעס בלייבענדיג שולדיג איהרע ארבייטער צו איין וואך שכירות און צו 40 דאלאר פאר אווערטאים. די יוניאן האט די 3 ארבייטער ארויסגעשטעלט אלס א טעסט־קייס.

בראַידי און פונט האבען פון אנהויב גע'טענה'ט, אז זיי באלאנגען שוין מעהר ניט צו דער אסאסיאיישאן און דעריבער זיינען זיי מעהר ניט פארפליכטעט נאכצוקומען דעם קאנטראקט, וואס די אסאסיאיישאן האט מיט דער יוניאן. די טענה האט דער ריכטער צוריקגעוויזען אויף דעם גרונט, וואס אין דער צייט ווען די ארבייט ביי די „עס" און „די" איז געמאכט געווארען, האבען די דזשאבערס יא באלאנגט צו דער אסאסיאיישאן. בראַידי און פונט האבען נאכהער באוויזען, אז זיי האבען די „עס" און „די" קאנטראקטארס באצאהלט פאר דער ארבייט און אויב די קאנטראקטארס האבען די ארבייטער ניט באצאהלט, איז דאס ניט זייער שולד.

די קייס איז פארגעקומען פאר א דזשורי פון זעקס, וועלכע איז באשטאנען פון סעמועל לערנער, געשעפטסמאן; היימאן פייט, אינספעקטאר; א. האכהייזער, שוירט מאנופעקטשורער; בענדזשאמין גאלדשטיין, פרוכטהענדלער; אייבראהאם בערנשטיין, בראקער און סימאר מייער, סיילסמאן. דער פארהער האט אנגעהאלטען 3 טעג, און ווען דער ריכטער, איבערגעבענדיג די קייס צו דער דזשורי, האט שארף אונטערגעשטראכען, אז די טענה פון די דזשאבערס, אז זיי האבען באצאהלט די קאנטראקטארס דארף ניט גענומען ווערען אין אכט, האט די דזשורי נאך א קורצער בעראטונג ארויסגעטראגען אן ענטשיידונג צו גונסטען די קלעגער. עס הייסט, אז די דזשאבערס בראַידי און פונט זיינען פאראנטווארטליך פאר די שכירות און אווערטאים פון די ארבייטער און זיי דארפען באצאהלען די 55 דאלאר שכירות פאר דער וואך און די 40 דאלאר אווערטאים, וואס יעדער פון די דריי ארבייטער מאהנט.

ריכטער דזשארדזש ל. דזשאנעק האט די ענטשיידונג פון דער דזשורי באשטעטיגט.

די לאיערס פאר דער יוניאן זיינען געווען מר. בערנשטיין און מאיר לאנדאן און פאר די דזשאבערס מר. הענרי דזשיי. פאראל.

## אלע דעזיינערס פון קלאוקס און סוטס ווערען גערופען צו זעהר א וויכטיגען מיטינג

דעם שבת, דעם 5טען יוני, 2:30 נאכמיטאג, אין ברייען האל, צימער 5, 725 זעקסטע עוועניו, וועט פארקומען א מיטינג פון גרויס היסטארישען ווערט, און קיין דעזיינער דארף דעם מיטינג ניט פארפעלען צו באזוכען אונטער אלע אומשטענדען. יעדער דעזיינער דארף עס מאכען פאר זיין חוב אנוועזענד צו זיין אויף דיזען מיטינג און זיך באקענען מיט אלע פלענער און פראגען וואס אונזער לאקאל האט פארגעבראכט צו טאן פאר'ן בענעפיט צו פארבעסערען די לאגע אין דעם דעזיינער טרייד.

אלזא, יעדער דעזיינער, וואס וועט לעזען די צייל'ען מוז קומען צום מיטינג און אויך זעהן צו ברענגען צום מיטינג יענע דעזיינערס, וועלכע האבען דיזע צייל'ען ניט געלעזען.

מיט טרייד יוניאן גרוס,
עקזעקוטיוו באארד לאקאל 45,
א. ל. ג. וו. י.
א. שעק, מענעדזשער.

## גרעדיואיישאן פון דער נוירס סקול פון לעבאנאן האספיטאל.

אין לעבאנאן האספיטאל איז פארגעקומען די גרעדיואיישאן פון נוירסעס. עס זיינען אנוועזענד געווען דערביי פילע פון די וויכטיגסטע טוער פון האספיטאל.

דרייצעהן נוירסעס האבען גרעדיואירט.

## אונזער יוניטי הויז אין פארעסט פארק וועט זיך עפענען מיט א גרויסארטיגען קאנצערט

(שלוס פון זייט 1)

דיג, לוסטיג און פריילאך און פארפעהלט נאר ניט צו זיין דארטען. ווי זאגט יענער — דאס לעבען איז קורץ, און מען לעבט בלויז איין מאל!

אין דער יוניטי הויז ווערען דעם סיזאן געמאכט אייניגע אימפּרואוומענטס וואס וועט דארט מאכען דאס לעבען נאך אנגענעהמער ווי פריהער. עס ווערט, למשל, איינגעשטעלט א ראדיא־אפאראט, און טאקע פון סאמע בעסטען סארט, דאס לעצטע ווארט אין דער ראדיא וועלט, און מען וועט קאנען הערען די פארשידענע קאנצערטען פון נאהענט און פון ווייט. עס ווערען געמאכט נאך אנדערע אימפּרואוומענטס אבער, מיר וועלען אייך אלץ אויף איין מאל ניט אויסזאגען. זייט דערווייל נייגעריג...

דערווייל האבען מיר אייך צו דערצעהלען עפעס, וואס איז נאך וויכטיגער — עס איז שוין אפען דער רעדזשיסטריישאן אפיס, אין אפיס בילדינג פון אונזער אינטערנעשאנעל, 3 וועסט 16טע גאס, אויפ'ן דריטען פלאר, און נעהט ליבערשט זיך איינשרייבען. איהר קענט זיך פארשרייבען אויב איהר פאהרט צו דער עפענונג אדער נאכדעם. קומט שרייבט איהר זיך איין, וועט איהר זיין זיכער, אז קיינער וועט אייער פלאץ ניט פארנעמען. ווארט נישט אויף דער לעצטער מינוט. טוט עס באלד, און זאגט אויך אן אייערע פריינט און באקאנטע צו טאן דאס זעלבע. זיי וועלען אייך זיכער שפעטער דאנקען.

## פרעזידענט זיגמאן ברענגט א גוטען גרוס פון באסטאן

(שלוס פון זייט 1)

דערפאר ווייל מען וויל איהם דארט ניט האבען. גראדע פארקערט, די יוניאן וויל ער זאל דארט זיין און זיין.

פרעזידענט זיגמאן דענקט אבער, אז ס'איז נויטיקער ער זאל פאהרען אין אנדערע פלעצער, וואו מען דארף אנהויבען באלד אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין, און ער האט אנגעוויזען דעם דזשאינט באארד פון באסטאן, ווי אזוי די יוניאן טעטיגקייט קאן דארט פארטגעזעצט ווערען מיט זייער אייגענע איניציאטיווע, אזוי אז די יוניאן זאל זיך שטעלען פעסט אויף די אייגענע פיס און פארטזעצען די ארבייט מיט אייגענע כחות. און דער דזשאינט באארד וועט עס געוויס טאן, און לאמיר האפען, מיט ערפאלג.

דינסטאג אין דער פריה איז פרעזידענט זיגמאן שוין געווען צוריק ביי זיין דעסק, און ווי דער שטיינער איז, פארווארפען מיט ארבייט.

**זעהט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לייענט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לאדיס גארמענט וואירקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.**




די יוניטי אימעניע אין א קליינעם פארמאט

בלויז צוויי וואכען איז פארבליבען צו דער עפענונג פון דער

# אינטערנעשאנאל יוניטי הויז

אין פארעסט פארק, פא.

**דער פלאץ עפענט זיך פרייטאג, דעם 18טען דזשון, 1926**

צו דער געלעגענהייט וועט דארט געגעבען ווערען

**א גרויסארטיגער קאנצערט און ליטערארישער אווענט**

אין דער מוזיקאלישער פראגראם וועלען זיך באטייליגען:

גרעגארי מאטוסעוויטש, באריהמטער קאנצערטינא־שפילער. דארא באשאוער, באוואוסטע סאפראנא, און נאך אנדערע.

די ליטערארישע און דראמאטישע טייל וועט אויסגעפילט ווערען פון פראמינענטע קינסטלער.

די „ברוקוואוד פלייערס" וועלען געבען א דראמאטישע פארשטעלונג.

עס וועלען אויך זיין פארשיידענע געיִמס, פארוויילונגען, געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגלען, גימנאסטיק און פארשייעדענע טענץ.

די יוניטי הויז איז די באריהמטע זומער היים פון אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן.

א חוץ מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל ווערען אין דער יוניטי הויז אויך אויפגענומען מעמבערס פון אנדערע ארגאניזאציעס, און זאנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער ארבייטער באוועגונג.

דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

**דער אפיס איז אפען ביז 7 אוהר אווענט, ארבייטער זאלען קאנען זיך רעדזשיסטרירען נעהענדיג פון דער ארבייט. טעלעפאן טשעלסי 2148**

# עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

## אונזער נעקסטער סעזאן

איצטער, ווען אונזער עדיוקיישאנאל סעזאן איז אפגעענדיגט, איז דער עדיוקיי־שאנאל דעפארטמענט פון אונזער אינ־טערנעשאנאל פארנומען מיט די פארבא־רייטונגען פאר'ן נעקסטען סעזאן. ס'זיי־נען אויסגעארבייט די פלענער פאר דער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט אין אונזער יו־ניאן פאר דעם קומענדען סעזאן.

פאר'ן אנפאנג פון יעדען סעזאן ווע־רען געמאכט אלע אנשטרענגונגען אלע מאל צו מאכען פארבעסערונגען און אלץ ווערט געטאן, אז וואס ווייטער זאל אונ־זער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט ארומנעה־מען אלץ א גרעסערע צאהל פון אונזערע מיטגלידער.

דאס צו דערגרייכען, איז פארשטעהט זיך, ניט גענוג דאס מיט דעם זאלען זיך פארנעהמען בלויז א פאר מענשען פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. צו מאכען די אלע פלענער פאר דער טעטיג־קייט נעמען מיר צו הילף אלע, וואס זיי־נען פאראינטערעסירט אין דער ארבייט, די לעהרער און אויך די סטודענטען. און אויך זאנסט מיטגלידער פון אונזער יו־ניאן, וועלכע ווייסען ווי אפצושאצען די וויכטיגקייט פון ארבייטער בילדונג רופען מיר צו קאאפערירען, צו העלפען אין דער ארבייט, צו קומען און מאכען זייערע פארשלאגען, ווי אונזער טעטיגקייט קאן אנגעפיהרט ווערען מיט נאך א גרעסערען ערפאלג. יעדער פארשלאג ווערט פון דעם דעפארטמענט גאנץ ערנסט בעטראכט.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט וויל, דאס די מיטגלידער וואס אינטערע־סירען זיך מיט דער דאזיגער טעטיגקייט, זאלען גענוי בעטראכטען אונזער פרא־גראם פון דעם פארענדיגטען סעזאן. זיי זאלען נאכזעהן די לעקטשורס און קורסען וואס מיר האבען געגעבען, און ארויסזא־גען זייער מיינונג וואס זיי דענקען וועגען דעם. וועלכער קורס, זיי דענקען, דארף ווייטער פארטגעזעצט ווערען, און וועלכער ניט. און וואס האבען זיי פארצושלאגען פאר א נייעס? די בולעטין, וואו עס איז אנאנסירט אלע קורסען פון לעצטען סיזאן, קאן מען באקומען אין אפיס פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, נומ. 3 וועסט, 16טע גאס.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט וועט זיין גאנץ צופרידען צו באקומען אזוינע פארשלאגען, און איז אויך צופרי־דען אויסצוהערען קריטיק אויף דער אר־בייט. און אויפריכטיגע קריטיק העלפט אמאל בעסער צו טאן די ארבייט. דאס דארף אבער באלד געטאן ווערען, איידער די קלאסען און קורסען פאר'ן נייעם סיזאן ווערען איינגעשטעלט.

די פערזאנען וואס ווילען מיטהעלפען אין דעם הינזיכט, קאנען עס טאן שריפט־ליך אדער פערזענליך. זיי זאלען זיך ווענדען דירעקט צום עדיוקיישאנאל דע־פארטמענט אויף דעם פריהער אנגעגעבע־נעם אדרעס.

## ווער איז ווער פון דער א. ל. ג. וו. י. צווישען די גראדואירטע פון ברוקוואוד קאלעדזש פון דעם קלאס 1926

פינף מיידלאך פון דער א. ל. ג. וו. י. זיינען צווישען די 26 שילער וואס ענדיגען היי־יאר דעם ברוקוואוד לייבאר קאלעדזש, אין קאטאנאה, נ. י. זיי זיינען: ראוז פעס־סאטא, אננא סאסנאפסקי און ציליע סא־מאראדין, פון לאקאל 22 ניו יארק, און בעסי נארען און איידא ראזענפעלט, פון לאקאל 50, פילאדעלפיא. די איבעריגע וואס ענדיגען באלאנגען צו יוניאן פיינ־טערס, זאקען ארבייטער, סטענאגראפערס, פארמערס, שיך ארבייטער, קאאפערא־טיווס, לעהרער און מאשיניסטען.

אלע מיידלאך פון דער א. ל. ג. וו. י. זיינען פאר איינינע יאהר געווען טעטיג אין דער יוניאן איידער זיי זיינען אוועק אין ברוקוואוד און האבען גענומען אן אק־טיווען אנטייל אין די ארבייטען פון דער סקוהל ווען זיי זיינען דארט געווען.

בעסי נארען איז געווען א מיטגליד פון לאקאל 50, פילאדעלפיע, זינט 1913 און האט געדינט אלס שאפ טשערמאן, אלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו באארד, אלס קאמפליינט קלוירק און אלס ארגאניזע־רין. זי איז אין יאהר 1924 געווען מע־נעדזשער פון דער פילאדעלפיער יוניטי הויז.

איידא ראזענפעלד איז אין דער גרופע די מיידעל וואס איז געווען די לענגסטע צייט א מיטגליד פון דער יוניאן. זי איז אריין אין דער יוניאן אין יאהר 1910, אין צייט פון סטרייק אין פילאדעלפיא, זי איז געווען א מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו באארד און איז פאר דריי און א האלב יאהר געווען דער קאמפליינט קלוירק פון איהר לאקאל. דעם יאהר איידער זי איז אנגעקומען אין ברוקוואוד איז זי געווען סעקרעטערי פון לאקאל 25 און לעצטען זומער איז זי געווען דער רעדזשיסטריי־שאן קלוירק אין דער פארעסט פארק יו־ניטי הויז פון דער א. ל. ג. וו. י. זי האט דעם זומער 1923 באזוכט די ברין מאוער זומער סקוהל פאר ארבייטענדע מיידלאך.

ראוז פעסאטא איז אריין אין דער יו־ניאן אין יאהר 1914, אינגיכען נאך איהר אנקומען פון רוסלאנד און איז איצט א מיטגליד פון דעם דרעסמאכער לאקאל 22, אין ניו יארק. ביז 1920 איז זי געווען שאפ טשערמאן, אין 1922—1921 איז זי געווען אויף דער עקזעקוטיוו באארד און איז געווען א דעלעגאט צו דער דזשאינט באארד און צו דער צוויי־יעהריליכער קאנ־ווענשאן פון דער א. ל. ג. וו. י. אין 1922. זי איז געווען טעטיג אין 1923 אין דעם סטרייק פאר א 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך און האט פארוואלטעט די לייבאר־ביורא, וואס איז געשאפען געווארען צו יענער צייט.

ציליע סאמאראדין איז אריין אין דער יוניאן אין 1916, אין באלטימאר, זייענדיג פון פריהער פאר פינף יאהר א מיטגליד פון די יונייטעד גארמענט ווארקערס. אין 1921 איז זי געווארען א מיטגליד פון לאקאל 22, ניו יארק. זי איז אויך געווען א מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו באארד, דזשאינט באארד און פון דער עקזעקוטיוו באארד אין באלטימאר פון 1915 ביז 1918.

אננא סאסנאפסקי איז אין 1917 גע־ווארען א מעמבער פון לאקאל 22, זי האט פארנומען פארשיידענע עמטער פון שאפ־טשערמאן און העכער און איז געווען זעהר טעטיג אין צייט פון סטרייקס. זי איז געווען איינע פון די דריי שילערינס, וועלכע האבען רעפרעזענטירט ברוקוואוד קאלעדזש דעם יאהר אין א דעבאטע מיט וואסאר קאלעדזש אויף דער פראגע: „צי זאלען די ארבייטער איבערנעהמען די אינ־דוסטריע?” און האט זעהר גוט פארטיי־דיגט איהר שטאנדפונקט. זי האט אויך גענומען א באדייטענדען אנטייל אין דראמאטיקס און איז געווען די „לידינג לידי” אין „מיינערס”, א שטיק וואס איז געשריבען און געשטעלט געווארען פון די סטודענטען ביי דער וואשינגטאן'ס בוירטדעי קאנפערענץ, וואס איז אפגע־האלטען געווארען אין ברוקוואוד פון לעה־רער אין ארבייטער בילדונג, און אין „א דאלאר”, פון דוד פינסקי, וועלכע איז גע־געבען געווארען פריהער.

די אנדערע מיידלאך האבען אויך ביי־געטראגען צו דער ארבייטער דראמא — צו די דריי שטיק וואס זיינען געגעבען געווארען אין לייבאר טעמפעל אין מארטש. איידא ראזענפעלט האט גע־שפילט די ראלע פון „מעג”, די ווייב פון א סאוטהערנער ארענדאר־פארמער אין „פעגני”; ראז פעסאטא, אלס „די פרוי פון אמדאהא” און בעסי נארען, אלס די סטענאגראפיסטין אין „דהי פיפל”. מיס ראזענפעלט האט אויך געשפילט די ראלע פון א פוילישער פרוי אין „מאינערס”.

צוויי מאל זיינען די מיידלאך, אין די צוויי יאהר וואס זיי האבען שטודירט אין ברוקוואוד, גערופען געווארען צו העלפען אין סטרייקס. איין מאל אין 1924 — צו העלפען ארגאניזירען די וועהייט גודס אר־בייטער און לעצטען ווינטער — ווען די טאקערס, העמסטיטשערס און נאוועלטי ארבייטער האבען אנגעפיהרט אן ערפאלג־רייכען קאמף פאר ווידזשעס.

ניט לאנג צוריק איז די גאנצע גרופע מיטגעפאהרען מיט קלינטאן ס. גאלדען, דער פילד רעפרעזענטעטיוו פון ברוקוואוד קאלעדזש, צו די אנטראציט מאין פעלדער ארום האריסבורג און ווילקעסבאר, פא. כדי צו מאכען אן ערשט־האנטיגע שטו־דיום פון דער מאינינג אינדוסטריע. זיי זיינען געקומען צוריק באגייסטערט פון זייער באזוך און האבען רעקאמענדירט צו דער פאקולטי פון קאלעדזש אז אזעלכע באזוכען, פון ארבייטער פון איין אינדוס־טריע צו ארבייטער פון א צווייטער אינ־דוסטריע, זאלען געמאכט ווערען אלס א רעגולאר טייל פון דעם סדר פון שטודיום.

אלע מיידלאך פון דער א. ל. ג. וו. י. פלאנעווען, אז נאכדעם, ווי זיי וועלען ענדיגען זייער שטודיום, דעם 4טען דזשון, זאלען זיי זיך צוריק אומקעהרען צו זייער טרייד און דארט אנווענדען אין פראקטי־קע די וויסענשאפט וואס זיי האבען זיך ערווארבען אין דעם ברוקוואוד לייבאר קאלעדזש.

## נעהמט וואו אלע געהען.

איהר קאנט נישט געפינען א בעסערען פלאץ צו פארברענגען אייער וואקיישאן ווי אין אייער יוניאנס [illegible] „בלויע” [illegible]

# וואהלען פאר בעאמטע אין לאקאל 91

עס איז ערב די וואהלען אין אונזער לאקאל 91 און איך וויל דא זאגען א פאר ווערטער צו די מיטגלידער פון דעם לאקאל.

די וואהלען וועלען פארקומען דעם 15טען דזשון, 1926. די וואהלען זיינען פאר די לאקאל. בעאמטע און פאר אן עקזעקוטיוו באארד.

די וואהלען פאר בעאמטע אין אן ארבייטער־ארגאניזאציע זיינען אלע מאל א וויכטיגע פאסירונג. אבער אפשר קיין מאל פריהער איז עס ניט געווען אזוי וויכטיג און אזוי נויטיג פאר די מיט־גלידער פון אונזער יוניאן זיך צו בא־טייליגען אין די וואהלען, ווי דאס איז איצטער, ווען עס דארפען ערוועהלט ווערען אלע בעאמטע צו פארוואלטען דעם לאקאל פאר'ן קומענדען יאהר.

איך וויל זיין גאנץ אפענהארציג; זייט די לעצטע פאר יאהר האבען איינינע מיטגלידער פון אונזער טשילדרענס דרעס, באטראוב און הויז־דרעסמייקערס יוניאן, לאקאל 91, זיך פארנומען צו שטערען די יוניאן ארבייט פון דעם לאקאל. ביי יעדער געלעגענהייט, כמעט אויף יעדען מיטינג פון דעם לאקאל, האבען די פערזאנען געזוכט צו מאכען פאר־שיידענע אבסטרוקציעס, און האבען דורכדעם באשאפען א לאגע, עס זאל פארשפרייט ווערען האס און מיסטרויען צווישען די מיטגלידער, אנשטאט פריינד־שאפט, ברידערליכקייט און צוטרוי. זיי האבען פארגיפטעט די מחות פון די מיטגלידער; האבען אריינגעבראכט קריג, דארט וואו עס דארף און זאל זיין פרידען.

און וואס איז דער רעזולטאט? די גרויסע צאל מיטגלידער פון אונזער יוניאן, וואס זיינען געוואוינט געווען צו באזוכען די מיטינגען און זיך באטיי־ליגען מיט ליבשאפט אין דער ארבייט פון זייער ארגאניזאציע אין דער האפע־נונג פאר א בעסערען און שעהנערען לע־בען אין דער נאהענטער צוקונפט, — זיינען פארטריבען געווארען פון די מי־טינגען. עס האט אויף זיי ארויפגעיאגט א מין פארצווייפלונג.

* * *

אונזער אינדוסטריע איז נאך ווייט ניט גוט ארגאניזירט. צום באדויערען קאנטראלירען מיר בלויז א קליינעם טייל פון דער דאזיגער אינדוסטריע. און פראגרעס קאנען מיר מאכען נאר דע־מאלט, ווען די יוניאן זאל באקומען די פולע קאאפעראציע פון די מיטגלידער, אין דעם גייסט פון איבערגעבענקייט, ווי אין די יאהרען פון 1916 ביז 1920, ווארים די יוניאן האט פאר זיך א גרויסע און א שווערע ארבייט. עס דארף נאך גאר א סך אויפגעטאן ווערען אויפ'ן געביט פון ארגאניזאציע.

אין דעם איצטיגען מאמענט איז עס פאר די מיטגלידער פון אונזער לאקאל צו אנטשיידען, אויב מיר זאלען געהן פארווערטס, אדער ניט. קאנען מיר זיך פארגינען צו פארנעהמען אונזערע מי־טינגען מיט פוסטער פראזעאלאגיע, אין דער צייט ווען אויף די מיטינגען דארף געטאן ווערען קאנסטרוקטיווע יוניאן־ארבייט? אויף די מיטינגען, וואו מיר דארפען שטענדיג וועקען די מיטגלידער, און פארלאנגען פון זיי די פולע קאאפע־ראציע פאר דער גרויסער ארבייט וואס מיר האבען פאר זיך?

עס בלייבט איבער פאר דער גרויסער צאל מיטגלידער פון אונזער לאקאל צו מאכען א סוף צו דעם. צו מאכען א סוף צו דער דאזיגער ערשיינונג. און דאס קאן דערגרייכט ווערען נאר דעמאלט, ווען די מיטגלידער וועלען שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט צו דעם וואס עס טוט זיך אין אונזער ארגאניזאציע.

דער רעזולטאט פון די וואהלען דינס־טאג, דעם 15טען דזשון, וועט זיין דער ענטפער פון די מיטגלידער, אויב אין דעם לאקאל זאל ווייטער אזוי אנגעהן, אדער די ארבייט זאל געטאן ווערען אויף אזא אופן, אז די ענערגיע פון די מיטגלידער זאל פארטאן ווערען אויף אזעלכע ארבייטען, וואס זאלען ברענגען פרוכטבארע רעזולטאטען פאר דער אר־גאניזאציע און פאר די מיטגלידער. דער צוועק און ציל פון די מיטגלידער איז צו בויען, ניט צו פארניכטען און צושטערען.

איך האלט דעריבער פאר נויטיג צו רופען די מיטגלידער פון אונזער יוניאן צו זעהן, אז דער ציל און צוועק זאל דער־גרייכט ווערען.

די מיטגלידער וואס האבען דורכגע־מאכט אין דער יוניאן די פארשיידענע סטרייקס און קאמפען, — יענע מיטגלי־דער וועלען זיך דערמאנען דעם צושטאנד אין טרייד, איידער אונזער יוניאן איז עטאבלירט געווארען, און זיי וועלען מעהר ניט דערלאזען פארשפרייטען אין דער יוניאן האס און צושפליטערונג. זיי ווייסען ווי נויטיג עס איז צו האבען אין אונזער אינדוסטריע א שטארקע יוניאן און זיי וועלען אין זייערע גרויסע מאסען זיך באטייליגען אין די וואהלען, און ער־וועהלען די פערזאנען צו וועלכע זיי האבען צוטרויען; זיי וועלען ערוועהלען די, וואס וועלען פיהרען די ארגאניזאציע אויף דעם ריכטיגען וועג, זוכענדיג אלע מאל צו פארבעסערען דעם שטאנד פון די מיטגלידער און פון דער ארגאניזאציע.

נאך אלעם זיינען עס די מיטגלידער פון דער יוניאן וואס וועלען ,דורך זייער אנ־טייל נעמען אין די וואהלען, אזוי גוט ווי אין יעדער אנדער טעטיגקייט אין דער ארגאניזאציע, באקומען זייער בענעפיט, אדער ליידען א נידערלאגע.

אלזא, די וואהלען וועלען פארקומען דינסטאג, דעם 15טען יוני, צווישען 4 און 7 נאך מיטאג, אין אפיס פון דער יוניאן, 7 איסט 15טע סט. ניו יארק.

מען קאן אויך שטימען אין אפיס פון אונזער בראנזוויל ברענטש, אין 219 סעקמאן סטריט און דעם ברוקלין ברענטש, 403 בושוויק עוועניו, קארנער ווארעט סט.

די מיטגלידער זאלען ניט פארגעסען צו ברענגען מיט זיך די יוניאן ביכלאך. אהן א יוניאן ביכעל, אדער יוניאן קארד, וועט קיינער ניט קאנען שטימען.

מיט טרייד־יוניאן גרוס,
ה. גרינבערג,
מענעדזשער.

# צו די עקזאמינערס, מעמבערס פון לאקאל 82

איהר ווייסט שוין פון דער טעגליכער פרעסע און אויך פון דער „גערעכטיג־קייט”, וועגען דער ענטשיידונג פון דעם גאווערנאר'ס קאמישאן. מיר נעמען זיך איצט ניט אונטער צו דיסקוטירען די ענטשיידונג פון דער קאמישאן. פאר אונז, עקזאמינערס, בפרט, איז ניט כדאי אריינצולאזען זיך אין דיסקוסיעס, נאכ־דעם ווי א קאמישאן האט געזוכט מעהר ווי צוויי יאהר און עס איז פארשווענדט געווארען אזוי פיל ענערגיע און דער רע־זולטאט — אז קיינע פון דער יוניאנ'ס גערעכטע פאדערונגען האבען ניט גע־קראגען דעם ריכטיגען ענטפער.

מיר, עקזאמינערס, מעמבערס פון לאקאל 82, דארפען ניט זיין פארצוויי־פעלט. וואס אנבאלאנגט אונז, וועלען מיר אונזער פאזיציע אין די רייהען פון די ארגאניזירטע קלאוקמאכער ניט אויפ־געבען און, פארשטענדליך, אויך ניט אונ־זערע גערעכטע פאדערונגען צו ווערען אנערקענט אין אלע אגרימענטס, ווייל כל זמן מען מאכט קלאוקס מוז מען האבען ארבייטער צו עקזאמינירען די קלאוקס, צו פינען און מארקען, און אויך די אר־בייטער מוזען זיין ארגאניזירט אין א יוניאן, אום ניט צו זיין אונטערווארפען אונטער די קאפריזען און די הויט־שינ־דעריי פון די באלעבאטים און צו די גוט־הארציגע דזשאבבערס וואס האלטען אין איין דערקלערען זיך אין ליבע צו דעם עקזאמינער און ווילען איינריידען דער וועלט, אז דער עקזאמינער איז „זייער מענש”.

מיר ווייסען אבער זעהר גוט די קאנ־דישאנס פון די עקזאמינערס וואס ארביי־טען ביי די דזשאבבערס און אויך ביי די מאנופעקטשורס, וועלכע ארבייטען 74 שטונדען א וואך פאר 30 אדער 35 דאלאר.

און אין דער זעלבער צייט צייגען טאקע די דזשאבבערס און די „קאונסיל לייט”, אז זיי האבען מענשליכע הערצער און זיי גיבען די עקזאמינערס, וואס אר־בייטען ביי זיי ביז 8 און 9 אזייגער אין אוונט, 7 טעג א וואך, 25 אדער 50 סענט פאר סאפער.

איז דען א וואונדער, אז ווען עס קומט די פראגע פון יוניאניזירען די עקזאמינערס ביי די דזשאבבערס און די „קאונסיל לייט”, אז זיי פאנגען אן א געשריי, אז מען וויל פארקריפלען די גאנצע אינדוסטריע? אז מען וויל ביי זיי צונעמען „זייערע” מענשען?

ביי דער געלעגענהייט ווילען מיר זיך מודה זיין, אז מיר ווילען טאקע צו־נעמען „זייערע” מענשען, אז מיר ווילען צונעמען ביי זיי די געלעגענהייט צו זיין גוטהארציגע מענשען און פארשפארען זיי, אז זיי זאלען דארפען צאהלען 25 און 50 סענטיגע פאר סאפערס.

מיר ווילען, אז די עקזאמינערס ביי די דזשאבבערס און „קאונסיל לייט” זא־לען עסען סאפער אין הויז מיט זייערע פאמיליען אז זיי זאלען ארבייטען 40 שטונדען א וואך, אנשטאט 74, און ווען זיי ארבייטען „אווערטיים” זאלען זיי קריגען באצאלט פאר יעדער שטונדע

(שלוס אויף זייט 10)

# מיטינג פון דזשאינט באארד פון קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

א ספעשעל מיטינג פון'ם דזשאינט באארד פון די לאקאלס 2, 3, 9, 10, 21, 22, 23, 35, 45, 48, 64, 82 און 89 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, דעם 1טען דזשון, 1926 אין 3 וועסט 16טע סטריט.

דער פראטאקאל פון'ם דזשאינט באארד מיטינג פון דעם 21טען מאי ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען מיט דער קארעגירונג אז ניט לאקאל 82, נאר לאקאל 89 האט פראטעסטירט נעגען די גרויסע אויסגאבען פון'ם דזשאינט באארד.

די באריכטען פון די באארד אוו דירעקטארס פון דעם 24טען און 26טען מאי ווערען פארגעלעזען און גוטגעהייסען מיט דעם אמענדמענט, אז דער פארלאנג פון לאקאל 45 צו אינדארסירען זייער נאוט, זאל איבערגעגעבען ווערען צום אפיס מיט „פור פאוער".

צושריפטען:

לאקאל 2 הייסט גוט די פראטאקאלען פון'ם דזשאינט באארד פון דעם 7טען, 14טען און 21טען מאי, מיט דער אויסנאמע פון דעם באשלוס ניט אנצונעמען ביזנעס איידזשענט בערקאוויץ'ס רעזיגנאציע.

דער זעלבער לאקאל מאכט אויפמערקזאם דעם דזשאינט באארד אויף אן אדווערטייזמענט פון די „באטאני מילס פון פאסייק, נ. דזש.", וועלכע איז ערשינען אין דעם מאי נומער פון דער „פעדערייטאניסט", דער אפיציעלער ארגאן פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר. די וועבער ארבייטער פיהרען איצט אן א סטרייק נעגען דער פירמע, און דער לאקאל פארלאנגט אז דער דזשאינט באארד זאל אויפמערקזאם מאכען דער א. פ. אוו ל. וועגען דעם.

דער פארלאנג ווערט באוויליגט.

לאקאל 22 הייסט גוט דעם פראטאקאל פון'ם דזשאינט באארד פון דעם 21טען מאי.

לאקאל 89 הייסט גוט דעם פראטאקאל פון'ם דזשאינט באארד פון דעם 21טען מאי מיט דער קארעגירונג, אז זיי, און ניט לאקאל 82 האבען פראטעסטירט נעגען די גרויסע אויסגאבען פון'ם דזשאינט באארד.

דער רוס-פוילישער בראנטש אינפארמירט דעם דזשאינט באארד אז ברודער דזש. פעטראסקי איז ערוועהלט געווארען אלס זייער פארטרעטער צום דזשאינט באארד, אינ'ם פלאץ פון ברודער דזש. זווערזאנסקי, וועלכער האט רעזיגנירט.

דער ברודער ווערט צוגעלאזען.

דער רוסיש-פוילישער בראנטש פארלאנגט אז די דזשאינט באארד זאל נאך אמאל באטראכטען זייער פארלאנג פאר פולע רעכטע אינ'ם דזשאינט באארד ביי דער ערשטער געלעגענהייט.

די „קאמיטע פאר די פראטעקשאן אוו פארעין-בארן ווארקערס" לאדעט איין דעם דזשאינט באארד אנטייל צו נעמען אין א קאנפערענץ פון פארטרעטער פון ארבייטער ארגאניזאציעס, וועלכע ווערט פאררופען פאר זונטאג, דעם 13טען דזשון אין מאנהעטען לייסעאום.

די איינלאדונג ווערט אנגענומען און שוועסטער פערלמאן און ברודער פרומטשיק ווערען אינסטרואירט אנוועזענד צו זיין.

דער „ברוקוואוד לייבאר קאלעדזש" לאדעט איין דעם דזשאינט באארד צו זיין פארטראטען ביי זייער גראדואיישאן פרייטאג נאכמיטאג, דעם 4טען דזשון.

שוועסטער יאניסקי און ברודער נארדאן ווערען אפוינטעט.

דער באריכט פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן ווערט אויפגענומען.

ברודער היימאן ערקלערט אין קורצען די מיינונגען און סענטימענט פון די באארד אוו דירעקטארס בנוגע די רעקאמענדאציעס פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן, וועלכע זיינען גרינדליך דיסקוטירט געווארען פון די דעלעגאטען. ער שטעלט זיך אפ אויף די רעקאמענדאציעס פון „לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס" און „ריארגאניזיישאן", ווי אויך די פאדערונגען פון דער יוניאן פאר אנערקענונג פון די דעזיינערס און עקזאמינערס, און די 40 שטונדיגע וואך, וועלכע זיינען צוריקגעוויזען געווארען פון דער קאמישאן. ברודער היימאן לעזט דאן פאר דעם פאלגענדען סטייטמענט, אלס די רעקאמענדאציע פון די באארד אוו דירעקטארס צום דזשאינט באארד:

„די באארד אוו דירעקטארס האט גענוי באטראכט און שטודירט דעם באריכט פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן, און איז געקומען צום שלוס, אז טראץ דעם וואס זי האט געמאכט א געוויסע אונטערזוכונג פון די איבלען אין דער קלאוק אינדוסטריע, וואס זיינען פאראורזאכט געווארען צוליב די דזשאבינג און סאב-מאנופעקטשורינג סיסטעם, וועלען די מיטלען וועלכע זיינען פארגעשלאגען געווארען ניט אפשאפען די איבלען אדער פארלייכטערען די ליידען פון די ארבייטער אונטער די איצטיגע באדינגונגען.

די קאמישאן האט רעקאמענדירט אז א סיסטעם פון „לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס" זאל אויסגעארבייט ווערען. זי האט אבער ניט רעקאמענדירט א „גאראנטיד טיים פיריאד אוו אמפלאימענט". זי האט אויך ניט רעקאמענדירט א 40 שטונדיגע וואך, די אנערקענונג פון עקזאמינערס און דעזיינערס און אויך ניט די אויסגלייכונג פון די פינישערס סקיילס. די קאמישאן האט יע רעקאמענדירט אז פירמעס וועלכע באשעפטיגען 35 אדער מעהר ארבייטער, האבען א רעכט צו רעארגאניזירען זייערע שעפער איין מאל א יאהר, ביים אנפאנג פון סיזאן, מיט'ן באדינג אז דאס זאל ניט פאראורזאכען די אוועקשיקונג פון מעהר ווי 10 פראצענט פון די ארבייטער אין א שאפ, און אז אויפ'ן פלאץ פון די ארבייטער וועלכע וועלען ארויספאלען דארפען אנגעשטעלט ווערען ארבייטער דורך דער לייבאר ביורא; די לייבאר ביורא זאל פארוואלטעט ווערען פון די טראסטים פון דעם אנעמפלאימענט פאנד, וואו די יוניאן האט איין וואוט נעגען דריי פון די באלעבאטים.

„די קאמישאן רעקאמענדירט אז די שטרייטענדע צדדים זאלען אננעמען א סיסטעם פון „לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס". קיין דעפיניטיווער פארשלאג איז ניט אויסגעארבייט געווארען און אזוי ווי די קאמישאן רעקאמענדירט ניט קיין „גאראנטיד טיים פיריאד אוו עמפלוימענט", זיינען מיר מיט דער מיינונג אז א סיסטעם פון „לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס" קען באמת ניט ארבייטען סיידען דער דזשאבער וועט געמאכט ווערען פאראנטווארטליך פאר א געוויסע צאהל וואכען ארבייט פאר יעדען קאנטראקטאר, וועלכען ער רעדזשיסטרירט; אויב ניט גלויבען מיר אז די באלעבאטים וועלען רעדזשיסטרירען קאנטראקטארס און אין דער זעלבער צייט שיקען זייער ארבייט צו ניט-רעדזשיסטרירטע און ניט-יוניאן שעפער, אזוי ווי זיי האבען דאס געטאן ביז איצט, ספעציעל ווען די רעכטע פון דער יוניאן צו קאנטראלירען דעם דזשאבער דורך דירעקטע אונטערזוכונג פון זיינע ביכער איז ניט באוויליגט געווארען.

מיר האבען פארלאנגט א 40 שטונדיגע ארבייטס-וואך. דאס וועט אין א גרויסער מאס פארקלענערען די ארבייטסלאזיגקייט וואס עקזיסטירט איצט.

וואס אמבאלאנגט די עקזאמינערס און דעזיינערס, איז די באארד אוו דירעקטארס זעהר ניט צופרידען מיט דער קאמישאן, וואס זי האט איגנארירט די רעכטע פון ארבייטער צו זיין ארגאניזירט און אנערקענט פון די באלעבאטים. מיר באטראכטען דאס אלעס א צוריקווייזונג פון דעם פונדאמענטאלען פרינציפ פאר וועלכען די יוניאן איז ארגאניזירט געווארען.

די רעכט צו רעארגאניזירען — די באארד אוו דירעקטארס איז זיכער אז אונזער מיטגלידערשאפט וועט דאס ניט אננעמען. די יוניאן איז אימער געווען נעגען געבען באלעבאטים אזעלכע רעכטע, און מיר דענקען ניט אויב אונזערע מיטגלידער זיינען גרייט דאס זיי איצט צו געבען.

דאס זיינען אין קורצען די מיינונגען פון די באארד אוו דירעקטארס אין באצוג דער קאמישאנ'ס באריכט, און מיר קענען מיט זיכערהייט ערקלעהרען אז דער באריכט איז ניט אננעמבאר.

די באארד אוו דירעקטארס רעקאמענדירט אבער אז דער באריכט זאל איבערגעגעבען ווערען צו דער מיטגלידערשאפט, וועלכע האט דאס לעצטע ווארט."

א פארשלאג ווערט געמאכט גוטצוהייסען די רעקאמענדאציע פון די באארד אוו דירעקטארס.

פרעזידענט זיגמאן נעמט דאן דאס ווארט. ער ערקלערט זיין שטאנדפונקט בנוגע די גינסטיגע און ניט-גינסטיגע רעקאמענדאציעס פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן.

פרעז. זיגמאן דריקט אויס זיין גרייטקייט צו שטעהן מיט דער דזש. באארד אין פאל ס'וועט באשלאסען ווערען צו רופען א סטרייק. ער פאדערט אבער אויף די דעלעגאטען פון דעם דזשאינט באארד צו באטראכטען זעהר אויפמערקזאם די נייע רעפארמען וועלכע זיי וועלען פארלעגען פאר דער מעמבערשיפ כדי צו פארזיכערען אונזער מעגליכקייט דאס ווירקליך דורכצופיהרען.

א צאהל דעלעגאטען נעמען אן אנטייל אין דער דיסקוסיע און ריידען פאר דער רעקאמענדאציע פון די באארד אוו דירעקטארס.

די רעקאמענדאציע ווערט גענומען צום אפשטימונג און ווערט איינשטימיג אנגענומען.

די דזשאינט באארד הייסט אויך גוט די רעקאמענדאציעס פון די באארד אוו דירעקטארס: —

1) צו רופען א שאפ טשערמאן מיטינג נעקסטע וואך, אויף וועלכען דער באשלוס פון'ם דזשאינט באארד וועט אפגעגעבען און דיסקוטירט ווערען, און

2) אזוי ווי די אגרימענטס געהען באלד אויס, זאלען די באלעבאטים גערופען ווערען צו א קאנפערענץ, וואו די יוניאן זאל פארהאנדלען וועגען א נייעם אגרימענט.

### באארד אוו דירעקטארס באריכט

מאנטאג נאכמיטאג, מאי 24, 1926

די באארד אוו דירעקטארס דיסקוטירט דעם באריכט פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן.

פרעזידענט זיגמאן און דזשענעראל מענעדזשער היימאן ערקלערען זייערע שטאנדפונקטען, אנגירענדיג די פאדערונגען פון דער יוניאן, וועלכע זיינען איהר באוויליגט געווארען, די וועלכע זיינען צוריקגעוויזען געווארען און די וועלכע זיינען אין דעם באריכט אינגאנצען ניט דערמאנט געווארען.

די באארד אוו דירעקטארס באשליסט פארטצוזעצען די זיצונג מיטוואך.

### באארד אוו דירעקטארס באריכט

מאי 26, 1926

קאמיטעס:

ברודער וויינטרויב, מעמבער לאק. 35, ערקלערט אז ער האט מיט א צייט צוריק ארויסגענומען א „וויטדראו-קארד" פון זיין לאקאל און האט דערמאלט געפונען ארבייט ביי דער פירמע „וואסען און אייבראמסאן", 27 וועסט 20טע סטריט, א ניט-יוניאן שאפ. ער ערקלערט אויך אז ער האט נעהאלפען יוניאניזירען דעם שאפ און איצט ענטזאגט זיך דער אפיס איהם צו געבען א ווארקינג קארד.

ברודער מילער, וועמעס דעפארטמענט קאנטראלירט דעם שאפ, ערקלערט אז דער שאפ איז געווען א יוניאן שאפ און האט אוועקגעמופט. מיט ברודער וויינטרויב'ס הילף איז דער שאפ געפונען געווארען און צוריק יוניאניזירט געווארען. ער ערקלערט אויך אז דער אפיס גיט דעם ברודער ניט א ווארקינג קארד צוליב דעם וואס דער פרעסער, וועלכער איז דארטען געווען באשעפטיגט פון פריהער, פארלאנגט דעם דזשאב.

דזשענעראל מענעדזשער היימאן ערקלערט, אז ער האט אויפגענומען די פראגע און באשלאסען אז ברודער וויינטרויב איז בארעכטיגט צום דזשאב אויפ'ן גרונד, אז דער אנדערער פרעסער האט ניט אנטייל גענומען אין דעם סטרייק און האט ניט געפיקעט דעם שאפ. די ברידער נינפא און גארעצקי האבען דאן באשלאסען אז א ראפעל זאל געצווינגען ווערען.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צום דזשענעראל מענעדזשער.

צושריפטען:

לאקאל 45 פארלאנגט, אז די באארד אוו דירעקטארס זאל אויטאריזירען איהר פארטרעטער צו אינדארסירען א נאוט פאר טויזענט דאלאר, וועלכע זיי וועלען קריגען פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן באנק.

דער פארלאנג ווערט באוויליגט און ברודער פיש ווערט אינסטרואירט צו אינדארסירען זייער נאוט.

די דירעקטארען פון „קעמפ ניטגעדייגעט" לאדען איין דעם דזשאינט באארד צו זיין פארטראטען ביי דער ערעפענונג פון דעם קעמפ, דעקארייש דעי.

ברודער זירלין, מענעדזשער פון לאקאל 9, באט אן צו פארטרעטען דעם דזשאינט באארד ביי דער ערעפענונג פון קעמפ אויף זיינע אייגענע הוצאות. ברודער זירלינ'ס אנבאט ווערט אנגענומען.

די באארד אוו דירעקטארס זעצט פאר די דיסקוסיע וועגען דער קאמישאנ'ס רעפארט און עס ווערט באשלאסען ווידער צו מיטען דינסטאג, אוונט, פאר דעם מיטינג פון'ם דזש. באארד.

### באארד א דירעקטארס באריכט

דזשון 1, 1926.

ברודער היימאן ערקלערט, אז דער מיטינג איז גערופען געווארען מיט'ן צוועק אויסצוארבייטען א רעקאמענדאציע פון די באארד אוו דירעקטארס צום דזשאינט באארד בנוגע די רעקאמענדאציעס פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן.

א פארשלאג ווערט געמאכט און גוטגעהייסען, אז א סטייטמענט זאל אויסגעארבייט ווערען, ערקלערענדיג די שטעלונג פון די באארד אוו דירעקטארס בנוגע די רעקאמענדאציעס, און דאס זאל אפגעגעבען ווערען צום דזשאינט באארד. דער סטייטמענט זאל ערקלערען אז די רעקאמענדאציעס פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן זיינען ניט אננעמבאר.

די באארד אוו דירעקטארס באשליסט אויך צו רעקאמענדירען צום דזש. באארד אז א מיטינג פון קלאוק שאפ טשערליים זאל פאררופען ווערען פאר נעקסטע וואך וואו דער באשלוס פון'ם דזשאינט באארד זאל אפגעגעבען און דיסקוטירט ווערען.

עס ווערט אויך באשלאסען דאס אזוי ווי די אגרימענטס אין דער קלאוק אינדוסטריע געהען באלד אויס, זאל די יוניאן רופען די באלעבאטים צו א קאנפערענץ צו פארהאנדלען וועגען א נייעם אגרימענט.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

דזשאזעף פיש,
סעקרעטער-טרעזשורער.

# בלויז איין וואך איז פארבליבען צו דער עפענונג פון דער יוניטי-הויז

(שלוס פון זייט 1)

רייזע צו דער יוניטי!

היינט דאס זיין דארטען גופא — נישטא איצט קיין צייט צו ריידען וועגען דעם. מיר'ן עס לאזען פאר א צווייטען מאל. דערווייל פארפעהלט ניט זיך באלד צו רעדזשיסטרירען איהר זאלט זיכער זיין אז קיינער וועט דארט אייער פלאץ ניט פארנעמען. דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

אלזא, די יוניטי הויז עפענט זיך פרייטאג, דעם 18טען יוני. און ווי דער שטייגער איז, וועט צו דער געלעגענהייט דארט געגעבען ווערען א גרויסארטיגער קאנצערט, מיט בארימטע טאלאנטען פון דער מוזיקאלישער וועלט.

צוויי פון די מוזיקאלישע קרעפטען קאנען מיר שוין אנאנסירען. די באוואוסטע סאפראנא זינגערין, מאראם דארא באשאוועך, און דער באריהמטער קאנצערטינא שפילער, גרענארי מאטוסעוויטש. עס וועט אויך זיין א באריהמטער פיאניסט און נאך אנדערע.

די ליטעראריש אפטיילונג וועט דורכגעפיהרט ווערען פון דעם גרויסען קינסטלער פון הומאר און געלעכטער, רובין גאלדבערג.

א חוץ דעם וועט דער עולם גופא זיך באטייליגען אין כאר-געזאנג, אונטער דער פיהרערשאפט פון א מוזיקער. אויך וועלען די „ברוקוואוד פלייערס", פון דעם ברוקוואוד קאלעדזש, געבען אן אינטערעסאנטע דראמאטישע פארשטעלונג, און עס וועט זיין נאך און נאך, לוים דעם מנהג פון אלא יוניטי!

אין קורצען, עס וועט זיין לעבעדיג, לוסטיג און פריילאך און פארפעהלט ניט צו זיין דארטען. ווי זאגט יענער — דאס לעבען איז קורץ, און מען לעבט בלויז איין מאל!

צו די מיטגלידער פון אויסער ניו יארק.

אונזערע מיטגלידער פון פילאדעלפיע און פון שטעט און שטעטלאך ארום ניו יארק, וואס ווילען פאהרען אין דער יוניטי הויז, קענען זיך רעדזשיסטרירען אין אפיס פון זייער לאקאל יוניאן. דאס וועט זיי פארשפארען דעם טראבעל פון שרייבען נאך ניו יארק. נעהם אריין אין אפיס פון אייער לאקאל יוניאן און פארשרייבט זיך. [illegible]


GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — A. BAROFF, Sec'y-Treas.
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VIII. No. 24. New York, Friday, June 11, 1926
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

# צוויי שוועסטער

(אויס דעם ענגלישען)

פון רודיארד קיפלינג.

דו זאלסט קיינמאל ניט ליבען א שוועסטער פאר איהר שוועסטער, מיט דער האפנונג, אז דיינע קאמפלימענטען וועלען דערגרייכען צו די ריכטיגע אויער־ען און וועלען דיר מאכען לייכטער דעם וועג צו איהר הארצען. שוועסטער זיינען פריהער פאר אלץ פרויען און נאכדעם זיינען זיי שוועסטער — דו קענסט זיך נאר ברענגען שאדען.

זומארעז האט דאס געוואוסט, ווען ער האט באשלאסען זיך צו שרכנ'ען צו די עלטערע מיסס קאפליי. זומארעז איז געווען א מאדנער מענש מיט וויניג מעלות, לויט דעם באגריף פון די מע־נער, כאטש ביי פרויען איז ער געווען זעהר באליבט. זעהר פיעל דאמען הא־בען זיך פאר איהם אינטערעסירט, אפשר דערפאר, ווייל ער איז געווען גע־גען זיי אביסעל צו גראב. ווען דו גיסט א פערד ביי דער ערשטער באקאנט־שאפט א זעץ איבער'ן נאז וועט ער דיך ניט ליבען, אבער ער וועט זיך אינטע־רעסירען מיט דיין יעדער באוועגונג.

די עלטערע מיסס קאפליי איז געווען ליבענסווירדיג, קיילאכדיג, חנ'עווריג און שעהן. די אינגערע מיסס קאפליי איז געווען ניט אזוי שעהן און לויט די מיי־נונג פון די מענער איז איהר באנעהמען געווען אבשטויסענד. ביידע שוועסטער האבען געהאט דיזעלבע געשטאלט און געווען כמעט עהנליך מיט זייער געזיכטס־אויסדרוק און מיט זייער שטימע, כאטש עס איז ניט געווען דער קלענסטער צוויי־פעל ווער עס איז די שעהנערע.

זומארעז האט געוואלט חתונה האבען מיט די עלטערע און האט נאר באשלאס־סען אפצוווארטען די געלעגענהייט; די צרה איז אבער געווען, וואס די קאפליי־מיידלאך זיינען שטענדיג געווען צוזא־מען. ער האט מיט זיי פיל פארבראכט, געטאנצט, געשפאצירט און גערעדט, אבער עס איז איהם אוממעגליך געווען זיי פאנאנדערצושיידען כאטש אויף עט־ליכע מינוטען.

פרויען באהויפטען, אז די ביידע שוועסטער זיינען דערפאר געווען שטענ־דיג צוזאמען, ווייל זיי האבען איינע די אנדערע ניט געטרויט, יעדע־האט מורא געהאט פאר דער צווייטער'ס קאנקור־רענץ, אבער דאס איז ניט די מענערס עסק. זומארעז האט געהאט א סך ענער־גיע, ער האט זיך געדרעהט ארום די ביידע מיידלאך וויפיל ער האט גע־קענט. אז ער איז ביידע געפעלען גע־ווארען, איז קיין שום צווייפעל.

פארגעקומען איז די דאזיגע געשיכ־טע אויף א קליינע סטאנציע ווייט פון דער אייזענבאהן. דא זיינען ניט געווען קיינע פארקס, קיינע מוזיק קאפעליעס און קיינע אנדערע פארגעניגען. ווען מען האט געוואלט באזוכען א באל האט מען געמוזט פאהרען א טאג רייזע נאך לא־הארע. נון, האט מען זיך דא געפרעהט מיט יעדע קליינע אונטערהאלטונג, וואס מען האט זיך געקענט פארשאפען.

אנפאנג מאי, ווען עס איז שוין גע־ווארען זעהר הייס און ווען די מעהרסטע איינוואוינער פון דער סטאנציע זיינען פאנאנדערגעפאהרען אויף פארגעניגען, האט זומארעז באשלאסען צו געבען א רייט פיק־ניק פאר דעם שיין פון דער לבנה. די קליינע געזעלשאפט האט גע־זאלט אוועקרייטען צום אלטען בית עולם, ביים ברעג טייך, א 6 מייל ווייט פון דער סטאנציע. עס האט געזאלט זיין א „נח'ס קאסטען" פיק־ניק, ווי עס ווערט אפט גערופען. אויך איז באשלאס־סען געווארען, אז מען זאל רייטען פאר־ווייז, א פערטעל מייל ווייט איין פארעל פון דער צווייטער, אום ניט צו ליידען פון דעם שטויב.

מיר האבען זיך צוזאמענגעקליבען ארום 10 א זייגער אויף א באשטימטען פלאץ. די נאכט איז געווען זעהר א היי־סע. די פערד האבען געשוויצט אפילו געהענדיג טריט ביי טריט; אבער עס איז דאך געווען בעסער אלס צו זיצען אין די פינסטערע הייזער.

ווען מיר האבען אנגעהויבען זיך צו ריהרען אין וועג זיינען מיר געווען פיער פאר. זומארעז איז גערייטען מיט די קאפליי־מיידלאך, און איך פון הינטען, ברעכענדיג זיך דעם מח מיט וועמען וועט ער צוריקקומען אלס חתן־כלה. יעדער איז געווען גליקלאך און צופרי־דען, אבער אלע האבען געפיהלט, אז עטוואס וויכטיגעס דארף פארקומען. מיר זיינען גערייטען לאנגזאם, און עס איז שוין געווען 10 א זייגער ווען מיר זיי־נען אנגעקומען צום בית עולם, וואו מיר האבען ניט ווייט פון דארטען אין דעם פארווילדערטען גארטען געזאלט עסען אונזער מאהלצייט.

איך בין אנגעקומען אביסעל צו שפעט, און איידער איך בין אריין אין גארטען, האב איך באמערקט אויפ'ן הי־מעל אין צפון־זייט א שווארצען דונקעלען שטרייף. דאך איז איצט ניט געווען די צייט זיך צו באשעפטיגען מיט וועטער־פראפעצייאונגען, א זאמד־שטורם מעהר, א זאמד־שטורם וויינינער — אין אינדיען איז מען שוין דערצו געוואוינט.

מיר זיינען געלעגען אונטער די בוי־מער, האבען געפלוידערט און געלאכט. איינער פון אונז האט געשפילט אויפ'ן בענדזשא, וועהרענד די זון־פארברענטע ראזען האבען געלאזט זינקען זייערע בלעטער צו אונזערע פיס.

איך האב געפיהלט, אז די לופט ווערט הייסער מיט יעדער מינוט, אבער קיינער האט עס ניט באמערקט ביז די לבנה איז פארלאשען געווארען און א גליהענדער ווינט האט אנגעהויבען טרייסלען די אראגרוש־בוימער. איידער איך האב געוואוסט וואס ס'איז געשעהן, האט שוין דער זאמד־שטורם געבושע־וועט. באלד איז פארשוואונדען דער לעצטער ליכט־שיין און עס איז געווארען שטארק פינסטער, די לופט איז געווען פול מיט זאמד און שטויב, וואס האבען אונז אריינגעדרונגען אין מויל, אין נאז און אין די אויערען. עס איז געווען דער שלימסטער זאמד־שטורם פון יאהר. און מיר זיינען געשטאנען צוזאמענגעדריקט לעבען אונזערע ציטערענדע פערד, וועה־רענד דער דונער האט איבער אונזערע קעפ געקראכט און געקנאקט, און די בלי־צען האבען זיך אזוי ווי וואסער־שטרא־לען צוגאסען אין אלע זייטען.

אין גרונד גענומען איז דא קיין גע־פאהר ניט געווען, אויסער וואס די פערד האבען זיך געקענט איבעררייסען. איך בין געשטאנען מיט'ן געזיכט אנטקעגען ווינט, מיט די הענט פארשטאפט די מויל, און האב זיך צוגעהערט צום קרא־כען פון דונער און דעם רוישען פון די בוימער. איך האב גארנישט געקענט זעהן ביז א בליץ האט א שיין געטאן. ערשט דאמאלסט האב איך דערזעהן, אז איך שטעה לעבען זומארעז און די על־טערע מיסס קאפליי. עס איז געווען א געוואלדיגער שטורם. עס האט אויסגע־זעהען ווי דער ווינט וויל צורייסען די ערד און איהר ערגעץ אוועקשליידערען, און דער גליהענדער דאמף פון באדען האט אונז געברענט די אויגען.

אומגעפעהר אין א ־שטונדע ארום איז דער ווינט שוואכער געווא־ען און איך האב דערהערט אין מיינע אויערען א צארטע שטימע, פול מיט פארצווייפלונג: „אה, מיין גאט!" עס איז געווען מיט אזא קרעכץ, אזוי ווי א פארבלאנדזשע־טע נשמה וואלט ארומגעפלאטערט אין דער לופט. דאן איז די אינגערע מיס קאפליי אריינגעפאלען אין מיינע ארעמס און מיט א וויינענדיגען קול האט זי אנגעהויבען רופען: „וואו איז מיין פערד? פארשאפט מיר מיין פערד! איך וויל אהיים, איך מוז אהיים!"

איך האב געטראכט, אז די פינסטער־ניש און די בליצען האבען איהר איבער־געשראקען, און איך האב איהר אנגעהוי־בען בארוהיגען, אז עס איז ניטא קיין געפאהר, דער שטורם איז אהן סכנה. זי אבער האט געשריען: „ניט דאס! ניט דאס! איך וויל אהיים!"

איך האב איהר אנגעהויבען זאגען, אז עס איז איצט אוממעגליך צו פאהרען ביז עס וועט ווערען ליכטיגער, אז מען קען דעם וועג ניט טרעפען אין אזא חשך מצרים, אבער רעד צו דער וואנט — ניט אנדערש, זי מוז אהיים.

כמעט אין דערזעלבער מינוט האב איך דערפיהלט א האנט אויף מיין פלייצע און זומארעז האט מיר אריינגע־ברילט אין אויער. ער האט געמוזט אי־בערשרייען דעם ווילדען ברויזען פון דעם שטורם, און איך האב קוים דערהערט זיינע ווערטער: „וואס זאל איך איצט טהאן, אז אומגליק האט מיך געטראפען, איך האב זיך גע'שרכנט ניט צו די ריכ־טיגע!" און ער האט דערביי געציטערט מיט זיין גאנצען קערפער פון אויפרעגונג.

איך האב געוואלט צו איהם אויס־שרייען: „זייט איהר משוגע געווא־רען? אין א זאמד־שטורם דערקלערט איהר זיך אין ליבע צו א מיידעל?" נאר איך האב זיך צוריקגעהאלטען, ווארים וואס וואלט שוין דאס געהאלפען, עס איז דאך שוין געווען אפגעטאן.

דאן האט ער ווידער געשריען: „וואו איז עדית?" עדית איז געווען די אינ־גערע שוועסטער, און איך האב איהם גע־פרעגט: „וואס ווילט איהר פון איהר? איהר שרכנ'ט זיך צו ביידע שוועסטער?"

ער האט ווידער גערעוועט צו מיר דורכ'ן שטורם, אז ער מיינט טאקע די אינגערע, מיט וועלכער ער וויל חתונה האבען, און איך האב איהם אריבערגע־שריען, אז ער מאכט א טעות, אז ער מיינט מסתמא די עלטערע. צו וואס איך האב דאס געטאן ווייס איך ניט. משמעות איך בין געווען אזוי אויפגע־רעגט, אז איך האב ניט געהערט מיינע איינענע ווערטער.

ער האט נאך אלץ ארומגעקלאמערט מיין פלייצע און געבעטען איך זאל איהם אויפזוכען עדית קאפליי, וועלכע ער ליבט און צו וועלכער ער האט אימער געהאט אין זינען זיך צו שרכנ'ען.

אבער עדית איז דא מעהר ניט גע־ווען. פאר דעם שוואכען שיין פון דער לבנה, וועלכע האט צייטענווייז ארויס־געקוקט דורך די צוריסענע וואלקענס, האבען מיר דערזעהן פון ווייטען איהר געשטאלט, יאגענדיג זיך אין גאלאפ אויף א פערד איבער דעם געפעהרליכען שטיינער־נעם וועג, אזוי ווי א מחנה שדים וואל־טען איהר געיאגט.

אין דערזעלבער צייט האב איך בא־מערקט נאך צוויי זאכען: איך האב גע־זעהן דאס געזיכט פון מאוד קאפליי, די עלטערע שוועסטער, וועלכע האט גע־שטראהלט פון גליק און האט זיך צוגע־דריקט צו זומארעז, ווי א צערטליכע כלה צו איהר געליבטען. איך האב אויך געזעהן זומארעז'ס געזיכט, וואס האט געקוקט מיט אזא רחמנות, אז עס האט מיר פארדריקט דאס הארץ.

„אה ברענגט מיר צוריק עדית!" האט ער געבעטען.

איך בין ארויפגעשפרונגען אויפ'ן פערד און מיט גרויס מסירת נפש האב איך עס געיאגט איבער בארג און טהאל, איבער שפיציגע פעלזען און טיפע זומ־פען, ביז איך האב איהר קוים אנגע־יאגט, און געבעטען זי זאל פאהרען צוריק.

איך האב איהר קוים איבערגערעדט, און אויפ'ן וועג צוריק האב איך פון איהר ערפאהרען, אז זי איז געשטאנען וועהרענד דעם שטורם הינטער זומארעז, גראדע ווען ער האט זיך ערקלערט אין ליבע צו איהר שוועסטער, און עס האט איהר, טאקע די אינגערע, אויפ'ן פלאץ שיער ניט געריהרט א אפאפלעקסיע. זי האט דארום זיך געאיילט אהיים, אום זיך אויסצוואוינען אין איהר קאמעריל, ווי עס פאסט זיך פאר א צארט־פיהלענדע מיידעל.

זי האט דעם גאנצען וועג נאך גע־רעדט, געטענה'ט און איז געווען היס־טעריש איבער די אומגעהערטע ליבעס־ערקלערונג צו איהר שוועסטער. ווען איך האב איהר געבראכט צוריק צום פיק־ניק פלאץ, האט שוין אנגעהויבען טאגען, דער שטורם איז געווען אריבער און זומארעז איז בלאס, מיט אן איינגעפאלע־נעם געזיכט, געגאנגען איהר אנטקעגען, און האט איהר געקושט פאר דער גאנצער געזעלשאפט — עס איז געווען א פאר־לאבונג.

מאוד קאפליי, די עלטערע שוועסטער איז געשטאנען פון ווייטען און צוגע־קוקט. נאר וואס זי האט געפיהלט און וואס זי האט געטראכט, נעהם איך זיך ניט אן צו באשרייבען, סיידען זי אליין זאל דאס טהאן.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לייענט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

# אזא חוצפה!

(בילד פון היימישען לעבען)

פון ברוך מילער.

עליק דער שוסטער איז געזעסען ביים ווערקשטאט אין דרייען געבויגען און ארויסגעגעבען די פאר שטיוועל פאר „שבתי דעם נגיד", וועלכער האט בא־פוילען אז ער מוז זיי נאך היינט האבען פארטיג.

עליק'ס פרוי, א בלייכע, א דערשלאגע־נע, איז ארומגעריננעלט מיט פיר קליינע קינדערלאך, אלע האלב נאקעטע, אפגעריסענע, שרייען אין כאר: „מאמע, עסען!... א שטיקעל ברויט!..."

„געהט, רייסט שטיקער פון אייער טאטען!", צושרייט זיך די פרוי, „ער איז א טאטע, זאל ער געבען ברויט", ווידער־האלט זי.

עליק הויבט אויף זיין מידען קאפ, בא־טראכט זיין גאנצע פאמיליע און נימט א טיפען זיפץ. ער שווייגט א ווייל און דאן זאגט ער מיט זיבערקייט: „שרה, דער נגיד וועט דאך היינט אויסלייזען די שטי־וועל וועל איך האבען גאנצע פינף קערב־לאך — וועסטו האבען צו קויפען ברויט און אויך מעהל אויף שבת, עס איז דאך היינט דאנערשטאג."

שרה נעהמט באלד אוועק מיט די קינ־דער און דערצעהלט זיי אז דער טאטע גיט באלד געלט און עס וועט זיין ברויט, נאך מיט רויטע עפעלאך דערצו.

דערוויילע טיילט שרה יעדען קינד איין מיט א קוש און בעט ביי זיי, זיי זאלען זיין שטיל; די קינדערלאך ווערען אנטשוויגען און ווארטען מיט אונגעדולד פאר דעם גרויסען גליק וואס די מאמע האט צוגעזאגט...

אז ס'איז שטילער געווארען, האט עליק אנגעהויבען ארבייטען מיט חשק, גע־כאפט א שטיפטעל אין מויל אריין, בא־נעצט דאס און צוגעזונגען א זעהר טרויע־ריגען ניגון. עס האט אויסגעזעהן, אז ער האט קיין צייט ניט מיט די ווערטער זיך צו באנוצען.

די טיר האט זיך געעפענט און שבתי דעם נגיד'ס משרת האט זיך באוויזען און ער איז גלייך צו צום ענין: „פארטיק דעם בעל־הבית שטיוועל?"

עליק האט זיך אויפגעהויבען פון זיין נידעריק שוסטער־בענקעלע, אויסגעגלייכט זיך זיין רוקען און געבעטען זיין פרוי, זי זאל דערלאנגען דעם מענשען א בענקעל צו זיצען און אליין האט ער אנגעהויבען, כמעט מיט געבעט: „אין ווייליטשקע און די שטיוועל זיינען פארטיג, בלויז צו פוצען אביסעלע."

שרה איז באלד א צופרידענע אריין און דערמאנט אויך די קינדערלאך אז דער צוזאג קומט און אלע קינדערלאך האבען זיך אזש צוטאנצט: „באלד וועט זיין ברויט מיט רויטע עפעלאך!"

ווען עליק איז פארטיג געווארען מיט די שטיוועל, האט ער באפוילען זיין פרוי שרה זי זאל שוין געהן אלעס קויפען אין באלד איז שרה געשטאנען מיט א שאל אויף די אקסלען גרייט צו געהן און „ויס־געשטרעקט די האנד צו עליק'ן נאך געלד. עליק האט איבערגעגעבען די שטיוועל צו דעם משרת און אויך געוואלטען א האנד גרייט צו נעמען די פינף קערבלאך...

דער משרת גלאצט אויס א פאר אויגען און שטאמעלט: „דער בעלעבאס האט קיין געלד נים געשיקט — ער האט געזאגט נאך שבת." און אזוי ריידענדיג, לאזט ער זיך געהן מיט די שטיוועל.

שרה הויבט אן שלעפען עליק'ן פאר'ן ארבעל און שטיל זאגט זי צו איהם, דער משרת זאל נים הערען: „נעם צוריק די שטיוועל, ער איז א נגיד ער קען א צינד געבען. מיר דארפען ברויט פאר די קינ־דער."

עליק ווערט געריהרט און פאלגט זיין פרוי: „זייט מוחל, זאגט אייער בעל־הבית, אז די קינדער זיינען הונגעריג", און די הענט ציטערען ביי איהם, ווען ער נעמט צוריק די שטיוועל. דער משרת פאר־שווינדט און שרה מיט עליק'ן בלייבען ווי פארשטיינערט.

„נו, וואס וועט זיין?"—פרעגט שרה מיט טרערען אין די אויגען.

עליק שווייגט, ער קען פאר גרויס וועהטאג א ווארט ניט אויסריידען און ער ענטפערט שרה'ן מיט א זיפץ...

א צייט האט אין הויז געהערשט א שטיל שווייגעניש. אפילו די קינדערלאך האבען אינסטינקטיוו דערפיהלט אז עפעס געהט דא פאר, און אלע קינדערלאך הא־בען זיך געטוליעט ארום דער מוטער.

ווי א שטורם־ווינט האט זיך באלד צוטראגען איבער'ן הויז די ברייטע פיגור פון שבתי דעם נגיד, וועלכער איז האסטיג אריין, בייז זוי א גזלן. זיינע אויגען האבען אזש געברענט פאר כעס.

— אוואו זיינען מיינע שטיוועל?

עליק האט איהם דערלאנגט די שטי־וועל און זיין גאנצעס וועזען האט געצי־טערט אין דעם נגיד'ס אנוועזענהייט.

שבתי דער נגיד האט זיך ברייטליך געכאפט צו זיין קעשענע, ער האט ארויס־געשלעפט פינף זילבערנע קערבלאך און זיי א שליידער געטאן אויף דעם ווערק־שטאט, אזש זיי זיינען באלד ארונטערגע־פאלען און זיך געקייקעלט איבער דער גאנצער שטוב. שרה מיט די קינדערלאך האבען זיך צו דער ערד געבויגען און פול מיט פרייד אויפגעהויבען די זילבערנע קערבלאך.

דער נגיד איז האסטיג ארויס פון שטוב מיט די שטיוועל און צארענדיג אויסגעשריען: „נאר א שוסטער קען הא־בען אזא עזות — אזא חוצפה"...

# טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

## לאקאל 56, באסטאן, אינסטא־לירט נייע בעאמטע

ווערטער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיג־קייט:—

ערלויבט מיר א שטיקעל פלאץ פאר פאלגענדען באריכט:

ביי א ספעשעל מיטינג פון לאקאל 56, אפגעהאלטען דינסטאג אווענד דעם 1טען דזשון, אויף וועלכען די נייע ערוועהלטע באאמטע פון לאקאל זיינען אינסטאלירט געווארען, ווערט אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע:

מיר, די מעמבערס פון לאקאל 56 דריקען אויס אונזער הארציגען דאנק און אנערקענונג צו די אויסגעהענדע בעאמטע פון לאקאל, נעמליך: מארים שאפירא, טשערמאן, וו. וויינער סעקרעטאר, מארים דימארסקי טרעזשורער און הערי ריימאנד טשערמאן עקזעקוטיוו באארד, פאר זייער גוטע ארבייט פאר אונזער לאקאל, פאר דעם פארגאנגענעם טערמין. מיר דריקען אויס אונזער בעדויערען וואס זיי האבען זיך צוריקגעצויגען אלס בעאמטע פון לא־קאל און מיר האפען אז זיי וועלען פארט־זעצען זייער איבערגעבענע טעטיגקייט אלס איינפאכע סאלדאטען.

די נייע ערוועהלטע בעאמטע פאר־פליכטען זיך צו ארבייטען פאר'ן וואויל־זיין פון אונזער יוניאן בכלל און אונזער לאקאל בפרט מיט דיזעלבע איבערגעבענ־הייט, ווי זייערע פארגעננער.

די פאלגענדע זיינען די נייע ערוועהלטע בעאמטע פון לאקאל 56 פאר דעם קומענ־דען טערמין:

אייבראהאם ראבינאוויץ, טשערמאן; מארים קעשנער, וויס־טשערמאן; דזשייקאב טאר, סעקרעטאר און מארים גאלד־בערג, טרעזשורער.

אלעקס פינקעלשטיין, טשערמאן עק־זעקוטיוו באארד.

עקזעקוטיוו באארד מעמבערס: הערי אייבראמסאן, טש. בייקער, א. פינקעל־שטיין, מארים גאלדבערג, מארים קעש־נער, היימאן גאלדפארב, ארטהור לעווענ־סאן, אייבראהאם סאפאזשניק און מארים ראזענבערג.

דזשאינט באארד דעלעגאטען: אלעקס פינקעלשטיין, ארטור לעווענסאן, מארים גאלדבערג, הערי ריימאנד און דזשייקאב גאלדפארב.

דעלעגאטען צו דער סענטראל לייבאר יוניאן: אייבראהאם ראבינאוויץ און מארים שאפירא.

מיט גרוס,
דזשייקאב טאר און וואלף וויינער,
רעזאלוציאנס קאמיטע לאק. 56.

## וועגען רעפארט פון דעם גא־ווערנאר'ס קאמיסיע

ווערטער רעדאקטאר:—

איבערלייענענדיג דעם רעפארט פון דער גאווערנאר'ס קאמיסיע, בין איך גע־קומען צום פאלגענדען שלוס:

נאך צוויי יאהר אונטערזוכען איז די קאמיסיע ענדליך געקומען צום באשלוס, אז דער גרעסטער טייל יוניאן־פאדערונגען זיינען נים קיין בארעכטיגטע. די איינ־ציגע פאדערונגען, וועלכע זיי האבען יא אנערקענט פאר בארעכטיגט, איז די בא־גרעניצונג פון דער צאל קאנטראקטארס פאר די דזשאבערס און א רעיז אין די ווידזשעס פאר די ארבייטער.

אין דער זעלבער צייט האבען זיי גע־געבען דאס רעכט צו די דזשאבערס זיך צו פארזיכערען מיט סעמפעלס—פון וואנעט און ווי אזוי זיי וועלען געפינען פאר נויטיג. אט די פריווילעגיע, לויט מיין מיינונג, מאכט צו גארניט דעם גאנצען יוניאן־געווינס בנוגע דעם פונקט פון באשרענקען די צאל קאנטראקטארס, און אט ווי אזוי: שטענדיג וועלען זיי טענה'ן, אז דער אדער יענער גארמענט, וואס זיי הא־בען אריינגעקראגען פון פארשידענע קאנ־טראקטארס, זיינען „סעמפעלס", און קיין אנדערער קען די גארמענטס פון די סעמ־פעלס ניט מאכען. פארפליכטעט צו גע־בען א צאל וואכען ארבייט דורכ'ן יאהר, ווי די יוניאן האט דאס פארלאנגט, כדי זיי זאלען זיין מיט דעם געצוואונגען צו פארזיכערען, א דאנק דעם, א געוויסע צאל קאנטראקטארס מיט ארבייט, זיינען זיי ניט. די קאמיסיע האט אויך ניט באוויליגט, אז די יוניאן זאל האבען דאס רעכט אונטערצוזוכען זייערע ביכער, צו זיי גי־בען ניט ארויס זייער ארבייט אין סקעב־שעפער. טא וואו־זשע איז די פארזיכע־רונג פאר דעם אנגעוויטאגטען פונקט אין אונזער יוניאן?

איצט לאמיר זעהן דעם צווייטען פונקט, וועלכען זיי האבען געגעבען דער יוניאן, און דאס איז א פאר דאלאר א רעיז אויף דער סקייל. דער רעיז איז אבער איינגע־שטעלט געווארען אויף א זעהר אומגליק־ליכען שטייגער. די אונטערזוכונג אין דער אינדוסטריע האט באוויזען, אז די פינישערס זיינען די קלענסטע באצאלטע ארבייטער אין טרייד. מיט זייערע פאר־דינסטען איז זיי גאר איינגאנצען אום־מעגליך צו עקזיסטירען. און די קאטערס זיינען די גרעסטע באצאלטע אינ'ם טרייד. גיבען זיי די פינישערס דריי דאלאר א רעיז און די קאטערס זעקס דאלאר. דאס איז דער אמת'ער קאפיטאליסטישער יושר.

די איבעריגע פאדערונגען, וואס די יו־ניאן האט פארלאנגט: די פערציג־שטונ־דיגע ארבייטס־וואך, דאס אויסגלייכען די פינישערס־סקייל מיט דער העלפערס־סקייל אין לאקאל 9, דאס אנערקענען די דעזיינערס און עקזאמינערס אלס יוניאן־מיטגלידער, די „טיים גאראנטי" אויף אר־בייט, א לייבאר־ביורא, וועלכע זאל זיין קאנטראלירט פון דער יוניאן אליין, ניט בשותפות מיט די באלעבאטים — די אלע פאדערונגען זיינען אין די רעקאמענדא־ציעס פון דער קאמיסיע ניטא.

די באלעבאטים אבער האבען זיי נאכ־געגעבען זייער אייביגען טרוים. די יעניגע באלעבאטים, וועלכע באשעפטיגען 35 אר־בייטער, זאלען האבען דאס רעכט צו אנט־זאגען צעהן פראצענט פון זייערע אר־בייטער יעדען יאהר.

דער דאזיגער פונקט, לויט מיין מיי־נונג, איז דער געפערליכסטער פאר דער עקזיסטענץ פון אונזער יוניאן. ווען די באלעבאטים וועלען האבען אט דאס רעכט, וועלען די יוניאן־באדינגונגען אין די שע־פער נים קענען דורכגעפיהרט ווערען, ווי געהעריג פון די ארבייטער. אויף יעדען ארבייטער וועט ליגען די שרעק, אז די צעהן פראצענט זאלען נים אויסגעהן צו זיין קאפ. דער גוטער יוניאן־מיטגליד וועט שטענדיג זיין אויפ'ן ערשטען פייער, ער וועט שטענדיג זיין אונטערווארפען ארויסגעווארפען צו ווערען אין גאס. גענען דעם פונקט האבען די קלאוקמאכער שטענ־דיג ביטער געקעמפט און זיי וועלען אויך היינט קעמפען גענען דעם דאזיגען פונקט ביז'ן לעצטען טראפען בלוט!

אין קורצען איז דאס דער גאנצער בא־שלוס פון דער גאווערנאר'ס קאמיסיע. אונזער אויפגאבע דארף איצט זיין — צו־גרייטען די קרעפטען פאר דעם גענעראל־סטרייק און סטרייקען אזוי לאנג, ביז מיר וועלען געווינען אונזערע ארויסגעשטעלטע פאדערונגען.

וויליאם גרינבערג,
טשערמאן לאק. 9, עקז. באארד.

## ער וויל ניט די באזונדערע גרופען אין דער יוניאן

ווערטער רעדאקטאר פון אונזער וועכענט־ליכען ארגאן „גערעכטיגקייט":—

איך האף, אז איהר וועט דרוקען מיין בריף און מיר געבען די מעגליכקייט צו זאגען דאס, וואס איך דענק, אז עס דארף ארויסגעזאגט ווערען ביי איצטיגער צייט.

איך האב געלעזען ניט לאנג צוריק אין דער „גערעטיגקייט" אן ערקלערונג פון א געוויסער גרופע קלאוק־ און דרעסמא־כער, וואס זאגען, אז זיי ווילען „סאלידא־ריטעט" און „טאלעראנץ" אין דער יוניאן. איבערלעזענדיג די קעפעל, האט מיך פאר־אינטערעסירט צו לעזען ווייטער, און איך קלער: זעהר גוט, זעהר פיין, איצט איז טאקע די צייט פאר דעם. איצט מוז אין דער יוניאן הערשען טאלעראנץ און סאלי־דאריטעט! אבער וואס געפין איך דארט אין דער ערקלערונג? דעם ווידערשפרוך פון דער קעפעל. ווייטער דאס זעלבע — מען שיט זאמד אין די אויגען... ווייטער גארניט. עס פיהלט זיך אין די שורות, אז זיי זאגען איין זאך און מיינען א צווייטע זאך.

איך פערזענליך גלויב, אז אזעלכע גרו־פען האבען געדארפט וואס ווייניגער זיין און אזעלכע ברידער האבען געדארפט ווייניגער ריידען וועגען טאלעראנץ. ווייל אום צו לערנען יענעם, מוז מען דאס פרי־ער אליין באזיצען.

איך גלויב, אין אלגעמיין, אז מיר קלאוקמאכער דארפען זיך גאנץ ווייניג צו־הערען צו די אלע שרייבערייען פון די איינצעלנע פערזאנען אזוי גוט ווי פון די גרופען. וואס מיר דארפען איצט האבען אין זינען, איז — אויסצובעסערען אונ־זער לאגע. מיר זיינען געווען גערולדיג גענוג און געווארט אויף דער צייט, ווען די גאווערנאר'ס קאמישאן וועט ארויסגעבען איהר אנטשיידונג. אונזער איינציגע אויפ־גאבע איצט איז צו זעהן צו באקומען דאס, צו וואס מיר זיינען בארעכטיגט.

מיט רעספעקט,
ד. ז. סטאר,
מעמבער לאק. 2, לעדזש. 5848.

# דעזיינערס שטעהען אויף דער וואך!

פון א. שעק,
(מענעדזשער דעזיינערס לאקאל 45)

פאר יעדען סטרייק אדער סטאַ־פּעדזש אין דער פארגאנגענהייט, וואס די יוניאן האט דורכגעפיהרט, האט מען אויך געטרייעט ארונטערנעמען די דעזיי־נערס, און עס האט זיך מעהר אדער ווייניגער איינגעגעבען, אז דער דעזיינער זאל נישט זיין אין שאפ אין צייט פון א סטרייק. נאר קיין מאל האט דער דעזיינער עפעס געוואונען דורך דעם, וואס ער איז ארונטערגעגאנגען אין סטרייק גלייך מיט אלע אנדערע ארביי־טער.

נאר צייטען בייטען זיך, און איצט איז געקומען א צייט, ווען די דעזיי־נערס וועלען פון דעם סטרייק פאר זיך אויך עפעס געווינען, ווייל קיינמאל האט אן אפיציעלע אדמיניסטראציע פון ניו יארקער דזש. באארד ניט אזוי ערנסט גענומען אין אנבאטראכט דעם דעזיי־נער'ס שלעכטע לאגע, ווי יעצט.

דאס איז באוויזען געווארען פאר די לעצטע דריי וואכען, זייט די קאמישאן האט ארויסגעגעבען איהר רעפארט און האט וועגען די דעזיינערס קיין ווארט נישט דערמאנט.

די יוניאן אפישעלס האבען זיך פון דער קאמישאן'ס רעפארט נישט דער־שראקען און מיר זעהען, אז ביי יעדע גע־לעגענהייט פון עפענטליכע ענטפערס וועגען דעם רעפארט, סיי דורך דער פרע־סע, סיי מינדליך, ווערט דערמאנט אז מען וועט יעצט פאר דעם דעזיינער פא־דערען ביי די באלעבאטים די אנער־קענונג פון דעם דעזיינער צו זיין פאר־טיידיגט אין שאפ, פונקט אזוי ווי יע־דער אנדער בעל מלאכה.

דער רעפארט פון דער קאמישאן האט ניט גענומען אין אנבאטראכט דער יו־ניאנ'ס פארלאנג צו געבען אנערקענונג די דעזיינערס אין קלאוק טרייד, כאטש דער לאקאל 45 איז אנערקענט מיט פולע רעכט אין דזשאינט באארד, און זיינע מעמבערס ארבייטען אין די זעלבע שע־פער ווי אלע קלאוק מאכער. אלע מאל ווען די אַרגומענטס זיינען באנייט גע־ווארען האבען די באלעבאטים געפו־נען עפעס א תירוץ ווארום ניט צו אנ־ערקענען די דעזיינערס, און דאס וואס די קאמישאן האט פארפעהלט צו מאכען באשטימטע רעקאמענדאציעס אין באצוג צו די דעזיינערס, לאזט איבער די דא־זיגע פראגע פונקט אזוי אפען ווי פריה־ער. די ערקלעהרונג פון דער קאמי־שאן אז אין דער פראגע וויל זי אין גאנצען זיך נישט אריינמישען, גיט דער יוניאן קיין אנדער ברירה, ווי נאר זיך אוועקצושטעלען אין קאמף צו פארטיי־דיגען די אינטערעסען פון די דעזיינערס, פונקט אזוי ווי פאר אלע אנדערע אר־בייטער פון טרייד, און די באלעבא־טים וועלען איינזעהן אז די דעזיינערס אין טרייד דארפען איינגעשלאסען ווע־רען אין דעם אלגעמיינעם אגרימענט צו־גלייך מיט אלע אנדערע ארבייטער אין די קלאוק שעפער.

אט דאס איז די אפיציעלע שטעלונג פון דער יעצטיגער אדמיניסטראציע ווע־גען די דעזיינערס.

עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט אז די לאגע פון די דעזיינערס איז איצט אזא, אז זיי וועלען יעצט, ווי קיינמאל פריהער, ארויסצייגען די סאלידארישע און ארגאניזאציאנס וואכזאמקייט און דערמיט באווייזען, אז זיי זיינען פונקט אזוי פעהיג צו קעמפען פאר זייערע אינ־טערעסען ווי אלע קלאוק מאכער. דאס וועט די דעזיינערס געבען פרעסטיזש, סיי אלס מענשען און סיי אלס קלאוק־מאכער.

צום שלוס וויל איך באמערקען, אז ווי די אלגעמיינע לאגע זעהט אויס אין לאקאל, זיינען די דעזיינערס ענטשלאסען צו קעמפען פאר זייער זאך. עס איז נאר פארדריסליך, וואס ביי די לעצטע עטלי־כע מיטינגען זיינען נישט געוועזען קיי־נער פון די אפיציעלע פארשטעהער פון דזשאינט באארד, און ווען זיי וואלטען געזעהן די לעצטע מאסמיטינגען, וואל־טען זיי ווירקליך צופרידען געווען פון דער גוטער ארגאניזאציאנס ארבייט וואס דער לאקאל האט שוין אויפגעטאן פאר דער צייט וואס דער לאקאל האט בא־שטימט צו סטרייקען און האט ארויסגע־שטעלט פאדערונגען.

דער באשלוס צו סטרייקען און די פאדערונגען וועלכע זיינען ארויסגע־שטעלט געווארען, און וועלכע זיינען גע־ווען פארעפענטליכט אין דער פרעסע, האבען דעם לאקאל אויפגעהויבען אויף א זעהר גוטער לאגע מאראליש און פי־נאנציעל, ווייל עס איז א פאקט אז דער לאקאל עקזיסטירט שוין באלד אכט יאהר און האט נאך קיינמאל נישט ארויסגע־צייגט אזא ארגאניזאציאנס אפאראט ווי יעצט. און יעצט שטעהט דער לאקאל אויף דער וואך און איז גרייט צו יע־דען מאמענט אריינצוווארפען זיך אין קאמף פאר די אינטערעסען פון די דע־זיינערס.

און עס איז זיכער אז פון דעם גע־ווינס פון דעם דעזיינער אין שאפ וועלען די אנדערע בעל מלאכות אויך פיל גע־ווינען.

## ווי לאנג לעבט א מענש?

ס'ווענדט זיך וואס'ערא מענש, א מענש מיט שכל, צי א מענש אהן שכל.

א מענש מיט שכל פאהרט אין דער וואונדערשיינער יוניטי־הויז, אין פארעסט פארק, און ער איז זיכער, אז דאס וועט פארלענגערען זיין אדער איהר לעבען. און וואס איז נאך אזוי טייער ביי מענשען, ווי דאס לעבען? און איבערהויפט נאך, ווען אין דעם ארבייטער־שטעטעל, די יוניטי־הויז, איז דאס לעבען אזוי זיס און אנגע־נעהם. ווארטעט ניט, פאקט איין דאס פעק־עשעל און פאהרט!


# א שלעכטער מאגען

ברענגט קאפ־שמערצען, אונריינע בלוט, אפענדיסיטיס און פיעלע אנ־דערע קראנקהייטען.

# עקס־לאקס

דער טשאקאלאד אבפיהר־מיטעל

האלט אייער מאגען אין ארדנונג

עקס־לאקס קורירט פערשטאפונג און אין דערזעלבער צייט פערהיט עס אייך פון פיעלע קראנקהייטען, וועלכע קומען פון א שלעכטען און פער־שטאפטען מאגען.

עקס־לאקס איז די וויכטיגסטע ערפינדונג פון דיעזען יאהר־הונדערט און ווערט רעקאמענדירט פון פראמינענטע מאגען־ספעציאליסטען.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.


## דער קלאסען־קאמף

דאס איינציגע לאנד אויף דער וועלט, וואו עס געהט היינט נים אן א שארפער קלאסען־קאמף, איז — די יוניטי־לאנד אין פארעסט פארק, די פראכטפולע זומער־היים פון די וועיסט און דרעסמאכער און אלע אנדערע מיטגלידער פון אונזער אינ־טערנעשאנאל. נאר דארטען זיינען היינט נישט קיינע קלאסען און דאס לעבען פליסט רוהיג און געלאסען. דארטען זיינען אלע גלייך — אלע געניסען פון דעם זיסען קוואל פון יוניטי־לעבען; אלע געניסען פון דער ריינער נאטור און פון דעם שעה־נעם הארמאנישען צוזאמען־לעבען פון אלע באזונדער, וואס קומען אהין.

ווען פאהרט איהר ארויס אהין?

# טרייד־יוניאָניזם און עמיגראַציע

פון דר. הערמאַן פראַנק

די איצטיגע שאַרפע אַרבייטסלאָזיג־
קייט אין די גרעסטע אינדוסטריעלע לענ־
דער פון אייראָפּאַ האָט אַרויסגערופען אַ
שטאַרקען אינטערעס צו עמיגראַציע. אין
דייטשלאַנד זיינען אין דעם ערשטען פער־
טעל פון היינטיגען יאָהר אַרומגעגאַנגען
ליידיג איבער 2 מיליאָן אַרבייטער. אין
מאָנאַט אַפּריל איז זייער צאָהל געשטיגען
ביז צוויי און אַ האַלב מיליאָן. אין ענג־
לאַנד איז מען שוין אין די לעצטע 6 יאָהר
צוגעוואוינט געוואָרען צו באַטראַכטען די
אַרבייטסלאָזיגקייט אַלס אַ פּערצויגענע
קראַנק, געגען וועלכער עס איז כמעט
אונמעגליך אויסצוגעפינען אַ גוטען מי־
טעל. אין יענעם לאַנד, ניט קוקענדיג אויף
דער מעגליכקייט צו באַזעצען קאָלאָ־
ניסטען אין קאַנאַדע, אויסטראַליע און זיד
אַפריקע, רופען אָבער די עמיגראַציאָנס
פּלענער דאָך ניט אַרויס אַזאַ לעבעדיגען
אינטערעס ווי אין דער באַזיגטער דייטש־
לאַנד. אין דער דייטשער אַרבייטער פּרע־
סע ווערט די אויסוואַנדערונגס פראַגע אין
דער לעצטער צייט זעהר אָפט און גרינד־
ליך באַהאַנדעלט.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסטויש
פון דער מענשליכער אַרבייטס־קראַפט
קומט פאָר אין צוויי פאָרמען — אויף אַן
אינדירעקטען און אַ דירעקטען אופן. אַלס
אינדירעקטער אויסטויש ווערט באַטראַכט
דער עקספּאָרט און אימפּאָרט האַנדעל
צווישען די איינצעלנע לענדער. די הויפּט
שטערונג אין אַזאַ האַנדעל זיינען די הויכע
טאַריפען (דיוטיס) און די וואַלוטע דיפ־
פערענצען, ווייל אויך זיי באַשווערען דעם
אַריינפיר אָדער אַרויספיר פון רויהע מאַ־
טעריאַלען אָדער פאַרטיגע סחורות. דער
דירעקטער אויסטויש קומט פאָר דורך דער
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער וואַנדע־
רונג צווישען איינצעלנע לענדער און
גאַנצע וועלט טיילען. אין די שלום יאָהרען
פלעגט אין דייטשלאַנד אַריינגעהמען
יעהרליך קרוב 900 טויזענד אויסלענדישע
אַרבייטער, דאָס רוב צו די לאַנדווירט־
שאַפטליכע, אַזוי גערופענע סעזאָן אַרבייט.
די וויכטיגסטע לענדער, פון וועלכע די
אַרבייטער פלעגען איינוואַנדערען, זיינען
געווען פוילען און רוסלאַנד (פאַר ערד־
אַרבייט) און עסטרייך און איטאַליען (פאַר
דער אינדוסטריע, דערהויפּט פאַר די
מיינס אין רהיינלאַנדער געביט). אין די
יאָהרען ווען דייטשלאַנד האָט געליטען פון
אַ שלעכטער וואַלוטע, האָט זיך אויך פאַר־
מעהרט צוליב דעם די אַרבייטסלאָזיגקייט
אין איטאַליען. געקומען איז דאָס נעמליך
דערפון וואָס די איטאַליענישע אַרבייטער
האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען מיט
זייערע פאַרדינסטען די פאַמיליעס, וועלכע
זיינען געבליבען אין דער היים, און זיינען
ניט געווען גערן אוועקצוגעהן אויף אַר־
בייט קיין דייטשלאַנד.

אין דעם איצטיגען מאָמענט, ווען
פראַנקרייך ליידט פון אַ געפאַלענער וואַ־
לוטע, באַמערקט זיך אויך דאָרט דיזעלבע
ערשיינונג. דער אויפבוי פון די צושטער־
טע פראַנצויזישע געביטען האָט מיט אַ
פאָר יאָהר צוריק צוגעצויגען אַהין אַ סך
אויסלענדישע אַרבייטער — איטאַליענער,
פּאָליאַקען, עסטרייכער און טשעכאָ־
סלאָוואַקען. צוליב דעם וואַלוטע־קריזיס
האָט זיך אָבער דער אַרבייטער צושטראָם
באַדייטענד פאַרקלענערט. דאָס זיינען
אַלזאָ די גוטע רעזולטאַטען פון דעם
„שלום“, וועלכער האָט געזאָלט שאַפען אַ
נייע וועלט־אָרדנונג. ביי אַ נאָרמאַלען
ווידער־אויפבוי פון דער צושטערטער
אייראָפּאַ וואָלט נאַטירליך דער אינטער־
נאַציאָנאַלער אַרבייטס אויסטויש גע־
דאַרפט שפּילען די וויכטיגסטע ראָלע.

אויב דער וואַלוטע קריזיס פּאַראַלי־
זירט אַזוי שטאַרק דעם אינטערנאַציאָנאַ־
לען אויסטויש פון דער אַרבייטס־קראַפט,
איז ער אַליין אָבער אויך אַ רעזולטאַט
פון דעם קלאַגעדיגען שטילשטאַנד אין דער
פּראָדוקציע. מיט גאָר־וואָסען קען מען
נאָך ניט אָפּהיטען דאָס די געלט סיסטעם
פון אַ לאַנד זאָל זיין נאָרמאַל און זיכער.
דערצו פאָדערט זיך קודם כל אַ געזונטער
צושטאַנד אין דעם עקאָנאָמישען לעבען,
וואָס קען ניט געמאָלט זיין ווען די פּראָ־
דוקציע איז קלענער פאַר דעם פאַרברויך.
אויב אין אַן אינדוסטריעלען לאַנד, ווי
דייטשלאַנד, געהען מיליאָנען אַרבייטער
אַרום אָהן באַשעפטיגונג, קען אויך די
וואַלוטע אויף לאַנג קיין קיום ניט האָבען.
כל זמן די איצטיגע אַרבייטסלאָזיגקייט
פראַגע וועט אַזוי אָדער אַנדערש ניט גע־
לייזט ווערען, מוז אויך אונפאַרמיידליך קו־
מען אַ שווערער פינאַנציעלער קריזיס.
מיט דעם ערקלערט זיך וואָרום די דייטשע
געווערקשאַפטען פאַרנעהמען זיך איצטער
אַזוי שטאַרק מיט דער עמיגראַציע פראַגע.

נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל צווישען די
דייטשע אַרבייטער פיהרער איז אָבער מיט
דער מיינונג, אַז דורך אַן אויסוואַנדערונג
וועט מען איצטער כאָטש ווי עס איז קע־
נען פאַרלייכטערען די טרויעריגע לאַגע
אויף דעם אַרבייטס מאַרקעט. נאָך דעם
ווי איינוואַנדערונג אין די יונייטעד
סטייטס איז אַזוי שטאַרק פאַרקלענערט
געוואָרען, בלייבט פאַר די דייטשע אַרביי־
טער קיין אַנדער ברירה ניט ווי צו פאָהרען
קיין מעקסיקאָ, בראַזיל און אַרגענטינאַ,
אויב זיי זיינען בכלל גרייט צו זוכען פאַר
זיך אַ נייע היים. דאָרט קענען זיי אָבער
ניט אַנטרעפען קיין גינסטיגע עקאָנאָמישע
און קלימאַטישע באַדינגונגען. מען דאַרף
נעמליך וויסען, אַז די אַרבייטסלאָזע באַ־
שטעהען הויפּטזעכליך פון מיינערס און
מעטאַליסטען, וועלכע קענען אין די זיד־
אַמעריקאַנישע לענדער, וואוהין די
דייטשע עמיגראַנטען ווערען געגרופּען,
קיין גרויסע אַרבייטס מעגליכקייטען ניט
געפינען. מיט די געלטער, וואָס אַ סיסטע־
מאַטישע קאָלאָניזירונג פון דייטשען אין
יענע לענדער מוז קאָסטען, וואָלט פיל
פּראַקטישער געווען צו באַזעצען די אַר־
בייטסלאָזע אויף לאַנד אין דייטשלאַנד
גופא, וואָס איז שוין אין די לעצטע יאָה־
רען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב געמאַכט
געוואָרען. די מעהר ערפאַהרענע און וויכ־
טיגע דייטשע אַרבייטער־פיהרער נעה־
מען דעריבער אַ גאַנץ אַנדערע שטעלונג
צו דער עמיגראַציע פראַגע. זייערע גרונד
געדאַנקען פאָדערן אַ גרויסען אינטערעס
און האָבען אַ וויכטיגע באַדייטונג אפילו
פאַר די אַמעריקאַנער אַרבייטער.

די לייזונג פון דער אַרבייטער עמי־
גראַציאָנס פראַגע, ווי די דייטשע יוניאָן
פיהרער זעהען עס, באַשטעהט הויפּט־
זעכליך אין דער געגענזייטיגער פאַר־
שטענדיגונג און דערנעהענטערונג פון די
פעלקער. ערשט ווען די טויערען פון
פאַרשידענע לענדער וועלען געעפענט ווע־
רען, אַזוי צו זאָגען, פון אינעווייניג, וועט
מעגליך ווערען צו זעהן אויפסניי דעם
אַמאָליגען גרויסען אינטערנאַציאָנאַלען
אַרבייטס אויסטויש. פון אויסען, דורך
פּראָטעסטען און פּאָליטישע מיטלען, וועט
מען קיינמאָל די פאַרמאַכטע טירען פון
לענדער ניט קענען אויפברעכען. מיט אַ
קורצער צייט צוריק האָט פוילען, למשל,
אַלס אַ שטראָף געגען דייטשלאַנד, פאַר־
באָטען די אויסוואַנדערונג פון איהרע
סעזאָן אַרבייטער. דערדורך האָט דייטש־
לאַנד שטאַרק געליטען, אָבער אויך הונ־
דערטער טויזענטער פוילישע פאַרם אַר־
בייטער זיינען געבליבען אין דער היים
אין אַ קריטישען צושטאַנד פאַרגרעסע־
רענדיג מיט זיך די אַרמיי פון די אינ־
דוסטריעלער אַרבייטסלאָזע. אַלע ווייס־
סען, ווי שטאַרק די נייע אימיגראַציאָנס
פּאָליטיק פון אַמעריקאַ באַריהרט די אינ־
טערעסען פון די אַרבייטער מאַסען אין
יאַפּאַן און איטאַליען. ווי מען זעהט,
געהט די עמיגראַציאָנס פראַגע אָן די אַר־
בייטער פון כמעט אַלע לענדער, און זי
קען דעריבער געלייזט ווערען בלויז אויף
אַ וועג פון פרידען און סאָלידאַריטעט
צווישען די פעלקער.

דיזע אומשטענדען ערקלעהרען וואָרום
די אַרבייטער עמיגראַציע איז איינע פון
די פראַגען וואָס באַלאַנגען צו דער
דזשוריסדיקשאָן פון דער אינטערנאַציאָ־
נאַלער אַרבייטס־אָרגאַניזאַציע ביים פעל־
קער־בונד (ליג אָוו ניישאָנס). דער אינ־
טערנאַציאָנאַלער לייבאָר אָפיס אין זשע־
נעוואַ, שווייץ, דער עקזעקוטיוו אָרגאַן
פון דיזער אָרגאַניזאַציע, האָט שוין אין
די לעצטע יאָהרען געטאָן, טעאָרעטיש און
פּראַקטיש, זעהר גוטע אַרבייט אויף דיזען
געביט. ער האָט פאַרעפענטליכט וויכטי־
גע סטאַטיסטיקס וועגען איינוואַנדערונג
און אויסוואַנדערונג פון אַרבייטער, האָט
צוגעגרייט אינטערנאַציאָנאַלע אַגרי־
מענטס וועגען שוץ פאַר אַרבייטער עמי־
גראַנטען און האָט באַשאַפען פאַבריק גע־
זעצען פאַר די איינגעוואַנדערטע אַרביי־
טער אין יענע לענדער, וואו מען האָט זיי
פריהער ניט באַטראַכט אַלס גלייכבאַ־
רעכטיגט מיט די היימישע אַרבייטער.
דאָך זעהט מען איצטער איין, אַז צו קיין
גאַנץ גרויסע רעזולטאַטען וועט מען מיט
אַזעלכע מיטלען קיינמאָל ניט קענען קו־
מען, אויב די איצטיגע אומשטענדען זאָ־
לען גרונדליך ניט געביטען ווערען. די
גרעסטע מניעה באַשטעהט אין דעם, וואָס
כמעט אַלע לענדער באַטראַכטען אימי־
גראַציע אַלס אינעווייניגסטע אַנגעלעגענ־
הייט, אין וועלכער קיין שום זייטיגע
מאַכט טאָר זיך ניט אַריינמישען. מיר
ווייסען, צום ביישפּיל, אַז לעצטענס זיי־
נען די באַציהונגען צווישען די יונייטעד
סטייטס און אַנדערע לענדער, ווי יאַפּאַן
און איטאַליען, הויפּטזעכליך אַ דאַנק דעם
נייעסטען אַמעריקאַנער אימיגריישאָן גע־
זעץ, באַדייטענד שאַרפער געוואָרען.

אַזאַ אָפּזונדערונג פון די איינצעלנע
לענדער, צוליב די „הויכע“ נאַציאָנאַלע
אינטערעסען, איז אָבער ניט קיין גאַנץ
נייע ערשיינונג אין דער געשיכטע פון
אינטערנאַציאָנאַלע געזעצען. מיט אַ
ערך אַ קורצער צייט צוריק האָט אַזאַ
לאַגע אַ סך געשטערט אין דעם פאָרט־
שריט פון אַ פּראָגרעסיווער פאַבריק גע־
זעצגעבונג. יעדעס לאַנד האָט געהאַלטען,
אַז מען טאָר ניט דערלאָזען דאָס פרעמדע
לענדער זאָלען קענען זאָגען אַ דעה מכח
די אַרבייטס באַדינגונגען און אַנדערע
אינעווייניגע פראַגען. ביי דעם איצטיגען
צושטאַנד פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַ־
ציהונגען שפּילען אָבער ריין עקאָנאָמישע
אינטערעסען זעהר אַ וויכטיגע ראָלע. עס
האָט דעריבער ניט גענומען לאַנג און
אַפילו די בירגערליכע שטאַטסלייט האָבען
זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט
פון די אַרבייטער מאַסען בנוגע צו די
אינטערנאַציאָנאַלע פאַבריק געזעצען.
אַרויסגעהענדיג פון אַזאַ פּרינציפּ, האָבען
עס די זיגרייכע לענדער אויסגעלעגט, אין
יאָהר 1919, דעם פונדאַמענט פון אַן
אינטערנאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער פעדע־
ראַציע — די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטס
אָרגאַניזאַציע און דעם „לייבאָר אָפיס“
ביי דער „ליג אָוו ניישאָנס“.

איצט פאָדערען די אָנגעזעהענסטע אַר־
בייטער פיהרער אין גאַנץ אייראָפּאַ אַז
אויך ביי אַלע עמיגראַציאָנס פראַגען זאָל
אַנערקענט און רעספּעקטירט ווערען דער
פּרינציפּ פון אַ געגענזייטיגער אָפּהענגיג־
קייט און סאָלידאַריטעט פון די פעלקער.
דאָס איז אַ קלאָרער געבאָט פון דער סאָ־
ציאַל־פּאָליטיק, פון וועלכער עס איז
אַרויסגעקומען די גאַנצע מאָדערנע פאַב־
ריק געזעצגעבונג אויף אַ אינטערנאַציאָ־
נאַלען פאַרנעם. דער שוץ פון די אַרביי־
טער עמיגראַנטען, ווי יעדע פראַגע פון
דער סאָציאַל־פּאָליטיק, קען געלייזט ווע־
רען נאָר אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען
אופן. אָבער אויך דער עקספּאָרט און
אימפּאָרט, דער אונדירעקטער אויסטויש
פון דער אַרבייטס־קראַפט, איז נאַטירליך
אַן אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע, אין וועל־
כער די אַרבייטער מאַסען זיינען בלוטיג
פאַראינטערעסירט. פרייער האַנדעל אָדער
שוץ דורך הויכע טאַריפען — דאָס איז אַ
פראַגע, וועלכע דאַרף ווידער אָנהויבען צו
אינטערעסירען די אָרגאַניזירטע אַרביי־
טער. דאָ אין לאַנד פלעגען די יוניאָנס
פריהער נעהמען אַ גאַנץ קורצזיכטיגע
שטעלונג צו דיזער פראַגע. זיי זיינען גע־
נייגט געווען צו שטיצען די היגע קאַפּיטאַ־
ליסטען ביי אַלע זייערע פאָדערונגען פון
אַ הויכען טאַריף, כלומרשט אום צו באַ־
שיצען אַמעריקאַ פון די ביליגע אייראָ־
פּעאישע פּראָדוקטען. מיר ווייסען אָבער,
אַז די אינדוסטריעלע פּראָדוקטען זיינען
ביליגער אין אַמעריקאַ ווי אין אייראָפּאַ,
ניט קוקענדיג אויף די קלענערע וויידזשעס
אין דער אַלטער וועלט. אויך האָט דער
הויכער טאַריף ניט געשטערט פאַר אַ
יאָהרען די היגע טעקסטיל מאַגנאַטען צו
שניידען וויידזשעס, ווען זיי האָבען נאָר
געהאַלטען אַז דער מאָמענט איז גינסטיג
דערצו. אויך די אַמעריקאַנער אַרבייטער
הייבען שוין אָן איינצוזעהן, אַז פון דעם
טאַריף וועט שטענדיג קענען פּראָפיטירען
בלויז אַ קליינע הייפעל פון די קאַפּיטאַ־
ליסטען אויף דעם חשבון פון די ברייטע
פאָלקס מאַסען, די פאַרמערס און די אַר־
בייטער.

ווי מיר זעהען, ערשיינט די עמיגראַ־
ציע פראַגע פון דעם אַרבייטער שטאַנד־
פּונקט אין אַ דאָפּעלטען ליכט. ערשטענס,

(שלוס אויף זייט 11)

# אייל זיך ניט!

(פעליעטאָן)

פון לעבעדיגען.

טענה'ט צו מיר אַ איד אַ קלאָוק־
מאַכער, מיט וועלכען איך פאָהר יעדען
טאָג כמעט פון קוני איילענד:

— איך זאָג אייך, הערט איהר, צו
דער העזה פון אונזערע מיליאָנערען איז
גאָר קיין שיעור נישטאָ. זיי גיבען אונז
עצות ווי אַזוי צו לעבען, און נאָך לאַנג
לעבען דערצו. איך זאָג אייך, ס'איז
אַ חוצפה! האָט איהר געלייענט, וואָס
ראַקעפעלער זאָגט? ווילט איהר לאַנג
לעבען, איילט זיך ניט! איהר פאַר־
שטעהט, אָט דער אַלטער עובר בטל־
רעדט פון ניט איילען זיך! ס'איז אַ
העזה! ס'איז „אַ נווירוו“! אין זיינע
„פעקטאָרים“, גלויב איך, הייסט ער די
פאַרליים אַנטרייבען די אַרבייטער, ני־
כער, ניכער, יאָגט ווי טייוואָלים! אַר־
בייט ווי פערד! איך, ראַקעפעלער, דאַרף
מאַכען מיליאָנען יעדען יאָהר, הונדער־
טער טויזענדער יעדען טאָג... איילט
זיך צו! איילט זיך צו!

און די אָרימע אַרבייטער יאָגען פון
זיך מן הסתם אַרויס די נשמה און פאַר
קלענליכע וויידזשעס דערצו, און אַליין
ניט ער אַרויס נאָכדעם צו די פּעיפּערס:
[illegible]

וואָלטען געפאָלגט אין זיינע פעקטאָרים
ראַקעפעלער'ן און זיך ניט געאיילט,
וואָלט ער זיי זיכער געשיקט אַהיים.
וואָס דען? ער וואָלט מיט זיי געהאַט
איינזעהעניש? איך זאָג אייך, אונזע־
רע מיליאָנערען זיינען ניט ווערט וואָס
די ערד טראָגט זיי אויף זיך. אַזעלכע
כלבים! רייסען פאַסען און גיבען נאָך
דערצו מוסר, שינדען די הויט און ליי־
נען צו אַלס רפואה כללים ווי צו לע־
בען!

— אייל זיך ניט! איך וואָלט גע־
וואָלט אַז דער אַלטער בעל עברות זאָל
אויך וואוינען ווי מיר אין קוני איי־
לענד און דאַרפען אויפשטעהן פריה
און לויפען אין שאַפ, און איילען זיך
מיט'ן עסען, און יאָגען זיך נאָך דער
„טריין“ און נאָך דער קאַר, איך וואָלט
געוואָלט אַ בעלן זעהן ווי שעהן ער וואָלט
דאַן גע'דרשנ'ט!

— אייל זיך ניט! — ס'איז איהם
גוט צו ריידען, אַז ער שטעהט זיך אויף
ווען ער וויל, משרתים זיינען דאָ ווי־
פיל ער וויל, עסען איז דאָ פון וואָס
ער וויל, געלט אין די בענק איז דאָ, אַ
[illegible]

גאַנץ פיינעם... דירה־געלט דאַרף מען
ניט צאָהלען, פּרנסה איז דאָ, די שקלאַ־
פען אַרבייטען, אוודאי דאַרף ער זיך ניט
איילען! איך וואָלט אויך געווען אַזאַ
חכם ווי ראַקעפעלער!

— אייל זיך ניט! איך וואָלט
געוואָלט זעהן אונזער ראַקעפעלער, ער
זאָל דאַרפען געהן צו דער אַרבייט, און
אַריבערגעהן די איסט סיידער גאַסען,
וואו מען דאַרף איינשטעלען דאָס לע־
בען! ווען מען פאָלגט ראַקעפעלער'ן,
קען מען אָפּשטעהן און איבערוואַרטען
אַלע מאַשינען און וועגענער ביז מאָר־
גען... וואָס זשע דען? מען גיט זיך
אַ אייל, מען שטעלט איין דאָס לעבען
און מען געהט דורך! איהר פאַרשטעהט
מיך, די ראַקעפעלערס דאַרפען זיך ניט
איילען. די מאַשינעס וואַרטען אויף
זיי. זיי קענען ניט איבערגעפאָהט ווע־
רען, ווייל זיי זיצען אינעווייניג און זיי
זיינען די איבערפאָהרער...

— אייל זיך ניט! — אוודאי. איהם
איז גוט, דעם אַלטען „סאַבאַקאַ“, ער איז
זיכער: אין אַמעריקע איז צו אַ רע־
וואָלוציע העט, העט ווייט. און צו וואָס
זאָל ער זיך איילען? און טאָמער וואָלט
אַן אַרבייטער זיך יע אַמאָל געאיילט,
גיט ראַקעפעלער אַרויס כללים ווי צו
לעבען און הייסט זיי ניט איילען זיך.
און דאָס מיינט, ברידער, לאָזט געהן
ווי עס געהט! איילט זיך ניט מיט
רעוואָלוציעס, מיט פאָדערונגען, מיט
סטרייקס. דאָס איז אומגעזונד! דאָס
שאַדט צו די נערווען. דאָס פאַרקירצט
דאָס לעבען...

— איהר באַנעהמט דעם עסק? די
ראַקעפעלערס זיינען גאַנץ קלוג: זיי
הייסען זיך ניט איילען. ווען אַ מענש
איילט זיך ניט, ווערט זיין בלוט קאַלט,
פאַרפרוירען, ווערט ער פאַרשלאָפען, און
דאָס דאַרפען זיי, די ראַקעפעלערס. מיט
קאַלט בלוט איז כסדר גוט, אַלץ גוט.
מען דאַרף גאָר ניט. דער עיקר איז לע־
בען לאַנג... אי דאָס לעבען טויג אויף
ניין־און־ניינציג? איז פאַר וועמען עס
טויג ניט, אָבער פאַר די ראַקעפעלערס
און די פאַרדס טויג עס יע... איהר,
ברידער אַרבייטער, ווערט אויסגעריסען,
אַרבייט ווי פערד, לעבט אין דחקות,
אָבער איילט זיך ניט, כדי איהר זאָלט
לעבען לאַנג... ווייל די ראַקעפעלערס
דאַרפען אייך זעהר נויטיג האָבען. עס
איז פאַר זייער טובה וועגען און ניט
פאַר אייערער...

— יע, די ראַקעפעלערס זיינען כיט־
רע, זיי דרש'ענען פאַר זיך און די פּעי־
פּערס העלפען זיי נאָך צו. מען דרוקט
זייערע דרשות, און אַנדערע לייענען און
קלערען זיך:

— אָט, זעהט איהר, מען שרייט
די קאַפּיטאַליסטען זיינען פאַרדאַרבען.
די מיליאָנערען זיינען אונזער אומגליק.
זיי עסען אויף דאָס לאַנד... אָט זעהט
איהר גאָר, ווי זיי זאָרגען פאַר אונז,
ווי זיי היטען אונזער געזונט! פיין,
זעהר פיין פון זייער זייט... נאָך אַלעמען,
גאַנץ פיינע מענשען, טייערע מענשען.
אָט הייסען זיי אונז ניט איילען זיך, ניט
אַרויסיאָגען די נשמה, — איהר פאַר־
שטעהט?

GERECHTIGKEIT
A JEWISH LABOR WEEKLY
Published every Friday by the
International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th Street, New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President
ABRAHAM BAROFF, Secretary-Treasurer
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VIII. No. 24. New York, Friday, June 11, 1926
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Sec. 1103, Act of Oct. 3, 1917, Authorized Jan. 25, 1919.

## די שטימע פון די שאפ-טשערליים אין קלאוק טרייד.

דער שאפ-טשערמאן מיטינג דינסטאג אווענט, אין קופער יוניאן, האט באשלאסען ניט אנצונעמען די רעקאמענדאציעס פון דעם רעפארט פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן. אין דעם מאמענט ווערט מיט דעם געשלאסען א וויכטיגער קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק. אין איהר שייכות צו די ארגאניזירטע באלעבאטים-גרופען אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע. עס הייסט, דאס די קלאוקמאכער, רעדענדיג דורך די שאפ טשערליים, זייערע אויטאריזירטע פארטרעטער, האבען זיך אנטזאגט אנצונעמען די רעקאמענדאציעס פון דער קאמישאן אויף דעם גרונט, אז וואס די קאמישאן באווילינגט איז ווייט ניט גענוג צו מילדערען די גרויסע ליידען פון די ארבייטער אין די קלאוק שעפער; אז דאס איז ניט גענוג צו ברענגען א פארלייכטערונג צו דער גרויסער אונטערדריקונג וואס שלעפט ארונטער די קלאוק אינדוסטריע צום אפגרונט.

דורך די שאפ-טשערליים האבען גערעדט די מענער און פרויען, די ארבייטער פון די קלאוק און סוט שעפער, די קרבנות פון דעם כאאס און דער דעמאראליזאציע אין טרייד, וואס מאכט פאר זיי אוממעגליך היינט צו טאג צו פארדינען, אז זיי און זייער פאמיליע זאלען קאנען זיך דערנעהרען. עס האבען גערעדט דורך זיי די גרויסע מאסען ארבייטער פון יענע שעפער, און דאס ווארט, וואס איז געזאגט געווארען איז, אז דאס וואס די קאמישאן האט א קאנקרעטער פארם באווילינגט די ארבייטער, איז ווייט נישט גענוג, און אז דאס קאן ניט אנגענומען ווערען.

* * *

דער באשלוס פון די שאפ-טשערליים דארף אבער ניט אויסגעטייטשט ווערען אלס א פארוואורף פאר דער קאמישאן. קיין ערנסטער מענש, וואס ווייס ווירקליך דעם צושטאנד אין דער קלאוק אינדוסטריע, דארף נישט און זאל נישט אויסטייטשען, אז דאס איז געמיינט צו מאכען א פארוואורף דער קאמישאן פאר דער אנשטרענגונג וואס זי האט געמאכט, ערנסט מיינענדיג דערמיט צו פארבעסערען די ארבייטס-באדינגונגען און איינצושטעלען געזינטערע אינדוסטריעלע באציהונגען צווישען די אלע צדדים אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע.

מיר האבען שוין פריהער, אין אן עדיטאריעל, אנגעוויזען ווי לויבענסווערטה עס איז די אנשטרענגונג, וואס די קאמישאן האט געמאכט זיך צו דערגרונטעווען צו די פונדאמענטאלע פראבלעמען אין דער אינדוסטריע. און מיר האבען אויך אנגעוויזען, ווי ריכטיג עס איז די דיאגנאזע וואס די קאמישאן האט געמאכט, אין באצוג די חלאת'ען, וואס דריקען די קלאוק אינדוסטריע. דאס פארשטעהען די קלאוקמאכער גאנץ גוט און זיי אנערקענען און שאצען עס אפ.

מען דארף האבען אין זינען, דאס זעלטען ווען אין דער געשיכטע פון אונזער ארגאניזאציע, האבען די גרויסע מאסען פון דער „רענק ענד פאיל" נאכגעפאלגט מיט אזוי פיעל אינטערעס א דיסקוסיע וועגען טרייד-פראבלעמען, ווי דאס מאל. די דיסקוסיעס און דעבאטען, וואס זיינען פארגעקומען אין די לעצטע צוויי יאהר אין דעם איצטיגען שטרייט, וועגען דער פראגראם און די פאדערונגען פון דער יוניאן, וואס זיינען ארויסגעשטעלט געווארען צו די באלעבאטים צו ברענגען מעהר ארדנונג אין דער קלאוק אינדוסטריע, האט אלעמען שטארק פאראינטערעסירט, און עס איז צו דעם געשענקט געווארען די גרעסטע אויפמערקזאמקייט. און עס איז ניט איבערטריבען צו זאגען, דאס צווישען די קלאוקמאכער אין ניו יארק קאן מען ניט געפינען אזעלכע, וואס זיינען ניט גוט באקאנט מיט די „אישוס" אין דעם שטרייט, און וואס פארשטעהען ניט אויסגעצייכענט די לאגיק, אויף וועלכער עס זיינען באזירט די אלע פאדערונגען פון דער יוניאן, וואס זיינען ארויסגעשטעלט געווארען צו די באלעבאטים מיט צוויי יאהר צוריק. און היינט, אזוי ווי דעמאלט, באטראכטען די קלאוקמאכער די פאדערונגען פון דער יוניאן אלס די איינציגע רפואה, וואס וועט זיי באמת אויף וויפיל ניט איז באפרייען פון מאנכע פון די אינדוסטריעלע איבלען וואס דריקען און שטיקען זיי היינט צו טאג.

* * *

און מעהר דערפאר, ווייל די ארבייטער פארשטעהען אזוי גוט די לאגיק און די גערעכטיגקייט, אויף וועלכע דער יוניאנס פאדערונגען זיינען באזירט, [illegible]

רעפארט, אלס באזיס פאר א נייעם אגרימענט אין דער קלאוק אינדוסטריע. זיי זיינען געצוואונגען עס צו טאן כאטש זיי מעגען האבען רעספעקט פאר די עהרליכקייט און די אויפריכטיגקייט פון דער קאמישאן'ס מאטיוועז. זיי פארשטעהען גאנץ גוט, דאס אבוואהל די רעקאמענדאציע פון דער קאמישאן איינצושטעלען א געוויסע באגרעניצונג פון די קאנטראקטארס פאר די דזשאבערס און מאנופעקטשורערס האט אין זיך עפעס פון א ווערט, קאן דאס אבער ריכטיג ניט ארבייטען אהן די צווייטע פאדערונג, וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט, דאס די באלעבאטים זאלען גאראנטירען די ארבייטער א געוויסע צאהל וואכען ארבייט דורכ'ן יאהר. זיי ווייסען, דאס די באשרענקונג פון קאנטראקטארס אהן א גאראנטי פאר א באשטימטע צאהל וואכען ארבייט דורכ'ן יאהר וועט נישט ברענגען דעם געוואונשטען רעזולטאט.

דאסגלייכען פארשטעהען אויך די מיטגלידער גאנץ גוט, דאס וויבאלד עס זאל ניט ווי געהעריג איז פארקירצט ווערען די ארבייטס-וואך, וועלען די צרה-דיגע, קורצע סיזאנס אין דער אינדוסטריע פון זיך אליין ניט לענגער ווערען. און דאס מיינט, אז זייער פארדינסט וועט אלץ בלייבען א קלענלאכער, און דאס זיי וועלען אלץ ניט קאנען פארדינען גענוג צו מאכען אן אנשטענדיג לעבען פאר זיך און זייער פאמיליע.

און די ארבייטער ווייסען אויך, וואס עס מיינט די רעקאמענדאציע, דאס די באלעבאטים זאלען האבען דאס רעכט צו „רעארגאניזירען" זייער שאפ. זיי ווייסען, וואס דאס וואלט געמיינט, אין דעם צושטאנד, אין וועלכען די קלאוק אינדוסטריע געפינט זיך איצט, — אפילו דערפאר ניט באקומענדיג עפעס א ממשות'דיגע רעפארם, וואס זאל ווירקליך באוועגען די באלעבאטים צוריק איינצושטעלען אין דער אינדוסטריע דעם גרעסערען שאפ. דאס וואלט געמיינט, אפצוגעבען עפעס, וואס איז דורך א סך קרבנות אויסגעקעמפט געווארען מיט א צעהן יאהר צוריק, און וואס איז פון א גרויסען ווערט פאר די ארבייטער. דאס מיינט, ארייננצוגעבען אין די הענט פון די באלעבאטים א בייטש, מיט וועלכער זיי וואלטען קאנען איינשרעקען די ארבייטער, און דורך וועלכער זיי וואלטען אויך קאנען לייכט פטור ווערען פון אזוינע ארבייטער וואס זיי באטראכטען פאר „אומגעוואונשטע", און „וואס זיינען א שטערונג פאר דעם פרידען און די ארדנונג אין שאפ".

* * *

דער איינשטימיגער באשלוס פון די טשערליים גיט, גלייכצייטיג, דער פיהרערשאפט פון דער יוניאן דעם מאנדאט צו רופען די באלעבאטים צו א קאנפערענץ, אנצוהויבען דירעקט אונטערהאנדלונגען פאר א נייעם אגרימענט, אין דעם פלאץ פון דעם אלטען אגרימענט, וואס וועט אויסגעהן אין צוויי וואכען ארום. דאס איז אן אויפגאבע, מיט וועלכער די פיהרער פון דזשאינט באארד וועלען זיך באלד דארפען פארנעמען.

דער מאנדאט מיינט, דאס מען זאל אנהויבען אונטערהאנדלען מיט די באלעבאטים אססאסיאיישאנס וועגען דער פולער אריגינעלער פראגראם, וואס די יוניאן האט אויסגעארבייט, און האט געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורערס און די דזשאבערס, נאך אין יאהר 1924. און עס קאנען אויך צוגעשטעלט ווערען נאך אנדערע פארלאנגען, וואס האבען זיך אין דער צייט אנטוויקעלט און זיינען נויטווענדיג פאר דעם וואוילזיין פון די ארבייטער און פאר דער אינדוסטריע.

צו די קאנפערענצען מיט די באלעבאטים וועלען די פארשטעהער פון דער יוניאן קומען געשטארקט דורך דער טעארעטישער באגרינדונג, און דורך די פאקטען, וואס דעם גאווערנאר'ס קאמישאן האט פעסטגעשטעלט אין איהרע אונטערזוכונגען אין דער אינדוסטריע. די דאזיגע פאקטען שטיצען אין יעדער הינזיכט די שטעלונג פון דער יוניאן, אין באצוג דעם אנאליז מכח דעם צושטאנד פון די ארבייטס-באדינגונגען, ווי די פיהרערשאפט פון אונזער יוניאן האט עס שוין לאנג אנגעוויזען. די פארשטעהער פון דער יוניאן וועלען אויך קומען אהין מיט דער פולער אונטערשטיצונג פון די ארבייטער, מיט דער גאנצער צושטימונג פון דער מיטגלידערשאפט, ווי דאס איז אזוי בולט דעמאנסטרירט געווארען אויף דער גרויסער שאפ טשערמאן פארזאמלונג דינסטאג אווענט אין קופער יוניאן.

## מאיר לאנדאן.

מיר שטעהען מיט געבויגענע קעפ, מיט א צובראכען געמיטה, אין פולען טרויער ביי דעם פרישען קבר פון פריינד און גענאסע מאיר לאנדאן.

א ברוטאלער צופאל, אן אומגליקספאל האט אוועקגעריסען דאס לעבען פון דעם באליבטען און געאכטעטען מאיר לאנדאן! איינער פון די בעסטע און באליבטעסטע מענשען אין דער סאציאליסטישער און ארבייטער וועלט.

נישטא מעהר מאיר לאנדאן! ער, וואס האט באזעסען א מערקווירדיגע קראפט צו באגייסטערען די טויזענדער און זיי וועקען און רופען צום קאמף פאר א שענערען און א בעסערען לעבען. און צו זיין רוף האט מען זיך גערן צוגעהערט, ווארים ער איז נישט געווען בלויז א פיהרער, ער איז געווען א מענש מיט א גרויס און ווארים הארץ, א מענש [illegible]

ווערעם הארץ האט געבלוטעט פאר די אונטערדריקטע און ליידענדע ארבייטער-מאסען. און די ארבייטער מאסען האבען עס געפיהלט און אפגעשאצט; האבען איהם געענטפערט מיט ליבשאפט און אנערקענונג.

* * *

פאר אונזערע מיטגלידער, פאר די צעהנדליגע טויזענטע קלאוק און דרעסמאכער, איז דער טויט פון מאיר לאנדאן א באזונדער גרויסער פארלוסט, א פארלוסט וואס וועט זיך פיהלען פאר א לאנגע, לאנגע צייט. פאר זיי איז ער געווען א סך מעהר, וואס ער איז געווען פאר דער איבעריגער וועלט.

וועהרענד פאר דער סאציאליסטישער און ארבייטער וועלט בכלל איז מאיר לאנדאן געווען א בריליאנטענער רעדנער, אן ארעטאר; וואס האט פאר א משך פון א סך יאהרען ארויסגערופען פיעל באגייסטערונג, אן אגיטאטאר, וואס האט אויפגעשטורמט זיינע צוהערער, איז ער אבער פאר די קלאוקמאכער און זייער ארגאניזאציע געווען נאך א סך מעהר! מיט זיי איז ער געשטאנען שולטער צו שולטער. ער האט געהאלפען בויען זייער ארגאניזאציע און איז געשטאנען מיט זיי אין אלע שטורמדיגע ווי אין די פרידלאכע טעג. ער האט גענומען א גרויסען אנטייל אין אלע זייערע קאמפען, און כסדר געשטאנען מיט זיי אין ליידען, ווי אין פריידען.

מאיר לאנדאן איז ניט געווען בלויז דער לאיער פון דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק זייט די לעצטע צוואנציג יאהר. ער איז פאקטיש געווען דער ערשטער ארגאנייזער פון דער ארגאניזאציע; דער אומערמידליכער טוער, פאר וועמען קיין זאך איז ניט געווען צו שווער, אדער צו קליין, — ער האט געטאן פאר דער יוניאן אלץ וואס איז נויטיג געווען איהר צו שטארקען, צו שטעלען איהר אויף די פיס. ער האט באגייסטערט דעם גרויסען עולם אויף די מאס-מיטינגען און געגעבען זיין קלוג ווארט און זיין אויפריכטיגע עצה אין די אפגעשלאסענע מיטינגען פון די בעאמטע און די פיהרער פון דער יוניאן. ער איז געשטאנען ביי דעם וויגעלע, ווען די יוניאן האט אנגעהויבען וואקסען, און איז נאכדעם געשטאנען מיט איהר אויף די באריקאדען, אין די פילע קאמפען וואס זי האט געמוזט אנפיהרען נעגען די באלעבאטים.

די יעניגע, וואס געדענקען נאך די טעג פון דעם יאהר 1910, ווען עס איז פארגעקומען דער גרויסער רעוואלט אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק, יענע ווייסען מעהר פון אלעמען, וויפיל ענערגיע און קראפט ער האט פארוועדט פאר דער יוניאן.

דאסגלייכען איז גארניט אפצושאצען וואס ער האט געטאן פאר דער יוניאן אין די יאהרען פון דעם ערשטען קאלעקטיוו אגרימענט אין דער קלאוק אינדוסטריע, דעם בארימטען געווארענעם „פראטאקאל". טאג און נאכט איז ער דעמאלט געווען פארנומען מיט יוניאן-ארבייט און יוניאן-טעטיגקייט, און ער האט עס געטאן מיט פיל ליבשאפט און מיט די גרעסטע איבערגעבענהייט. פאר יאהרעלאנג האט ער אפגעגעבען טעג און נעכט אין די פארשידענע סכסוכים, וואס זיינען פארגעקומען צווישען דער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאן. עהרליך און געטריי האט ער שטענדיג זיין דינסט געגעבען צום ניו יארקער דזשאינט באארד, צו אונזער אינטערנעישאנאל און צו אונזערע לאקאלס.

* * *

זייענדיג באמת א גרויסער מענש, איז ער געווען די איינפאכקייט אליין. פון פוסטער גדלות האט ער ניט געוואוסט און דאס האט איהם נאך מעהר באליבט געמאכט ביי די ברייטע פאלקס-מאסען. מיט וועמען ער איז געקומען אין נאהענטער באריהרונג, האבען איהם אלע ליעב געהאט, ווייל ער האט געהאט אין זיך א זעלטען ליכטיגע און ווארימע נשמה. און א דאנק דעם איז ער איינינע מאל ערוויילט געווארען צום קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען, און אויך דארטען האט ער מיט שטאלץ געלאזט הערען די שטימע פון ארבייט, די שטימע פון די אונטערדריקטע און פארפאלגטע ארבייטער און פאלקס-מאסען. אין זיין ערוועהלונג האט ער טיילווייז באקומען דעם שכר ביי זיין לעבען, פאר זיין אויפריכטיגער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט.

אין די פינסטערע טעג פון דער ארבייטער באוועגונג, אין די לעצטע צעהן יאהר, האט ער אויך דאס מינדסטע ניט פארלארען זיין אפטימיזם, זיין גרויסען גלויבען אין די מאסען. ער האט נישט אויפגעגעבען זיין גלויבען, דאס די ארבייטער-באוועגונג וועט איבערקומען אלע שוועריגקייטען און דאס די מאכט פון דער ארגאניזירטער ארבייטער-באוועגונג וועט ענדליך זיגען איבער אלע איהרע שונאים.

* * *

דער טראגישער טויט פון מאיר לאנדאן האט אוועקגענומען פון דער ארבייטער באוועגונג איינעם פון די פיאנערען, וואס האבען די באוועגונג געבויט. איינער פון די אנגעזעהענסטע פערזענליכקייטען, וואס האבען מיט א דרייסיג-פערציג יאהר צוריק דא אין לאנד אנגעפאנגען צו פרידיגען דעם סאציאליזם און דעם טרייד-יוניאניזם. ער האט שטענדיג געוואוינט און געלעבט צוזאמען מיט די פאלקס-מאסען און אנטייל גענומען אין אלע זייערע ליידען און פריידען, און ער וועט שטענדיג דערמאנט ווערען מיט ליבשאפט און אכטונג.

עהרע זיין ליכטיגען אנדענק!

# מעקסיקא

איהר קאמף פאר פרייהייט און זעלבסט שטענדיגקייט.

פון ש. גאלדשטיין.

אין שכנה'שאפט מיט אונזער גרויסע און רייכע פאראייניגטע שטאטען לעבט א קלענערע רעפובליק, וועלכע קעמפט עקשנות'דיג פאר דאס רעכט צו לעבען איהר אייגענעם פרייען לעבען. מעקסיקא איז א לאנד, וועלכע איהרע רייכטימער און נאטירליכע אוצרות האבען זי פארשקלאפט ביי פרעמדע פעלקער, ריכטיגער, ביי די רייכע מאכט-קאנטראלירענדע גרופען פון פרעמדע לענדער.

מעקסיקא איז געבענשט מיט נאטירליכע רייכטימער. די פארהיסטארישע אינדיאנער איינוואוינער פון מעקסיקא האבען געהאט א רייכע קולטור: האבען געהאט בכבוד'יגע שטיינערנע הייזער, האבען געוואוינט אין שטעדט, האבען געזעהט תבואות, האבען זיך באנוצט מיט קופערנע געצייג. דאס לאנד האט גאלד, זילבער, קופער, אייזען, קוועקזילבער, בליי, פלאטינום, אנטימאני, זינק און פארשידענע אנדערע זאכען. איהר גרעסטער פארמעגען באשטעהט אין איהרע רייכע קוואלען פון אויל, אספאלט און עליכע פראדוקטען. די אויל קוואלען אין מעקסיקא געהערען צו די רייכסטע אין דער וועלט. און אט די רייכטימער האבען מעקסיקא פארוואנדעלט אין א שפילצייג אין די מעכטיגסטע הענט פון אינטערנאציאנאלען קאפיטאליזם.

די ערשטע שפאניער, וועלכע האבען מעקסיקא ענטדעקט און איינגענומען, האבען איהר שוידערליך עקספלאאטירט, זיי האבען אפילו שפאניער ווייניג צוגעלאזען, האבען דורך שווערע טעקסעס און מאנאפאלען ניט דערלויבט צו אנטוויקלען דאס לאנד; זיי האבען בלויז צוגענומען די רייכטימער פאר זיך. זיי האבען כסדר געהאלטען די איינוואוינער אין אבערגלויבען, אונוויסענהייט, און אין שטענדיגער שקלאפעריי.

אומגליקליכערוויזע האבען די אוראלטע אינדיאנער פארניכטעט די וועלדער כדי צו האבען גענוג לאנד צו פארזייען זייער אינדיאנער קארן פאר שפייז פאר זיך און בהמות. די וועלדער זיינען פארברענט געווארען, די פעטע ערד איז ארונטערגעשווענקט געווארען פון רעגענס און זי האט פארלארען איהר פרוכטבארקייט; די איצטיגע מעקסיקאנער זיינען דאריבער געצוואונגען צו אימפארטירען קארן פאר שפייז און דער גאנצער אימפארט, די שיפען, די מינען, די אויל קוואלען זיינען אריינגעפאלען אין פרעמדע הענט.

אט די סבות האבען געבראכט צו א צושטאנד פון כסדר'דיגער אומצופרידענקייט, פון אומרוה צווישען די איינוואוינער פון לאנד. די מאכט באזיצער, מעהרסטענס א גרופע פרעמדע קאפיטאליסטען, האבען יעדען פארזוך צו פארבעסערען די לאגע אונטערדריקט מיט געוואלד. די אפטע רעוואלוציעס האבען נאך מעהר פארארעמט דאס לאנד, יעדע נייע רעגירונג פלעגט כסדר נייע קאנצעסיעס אוועקגעבען כדי צו קריגען אביסעל מזומן, ביז וואנען פרעמדע זיינען איינגאנצען געווארען די בעלי בתים פון לאנד.

אין 1857 האט בעניטא דזשוארעז פאראייניגט מעקסיקא אין איין פאלק, האט געשאפען די דאמאלס זעהר פראגרעסיווע קאנסטיטוציע, האט באפרייט דעם שטאט פון דער קירכע און האט איינגעפיהרט אנדערע רעפארמען. אבער די מעכטיגע פרעמדע קאפיטאליסטען האבען כסדר אינטריגירט. די קאטוילישע קירכע, די הערשענדע אין מעקסיקא, האט אויך אינטריגירט. די קירכע האט בכלל געשפילט און שפילט נאך איצט א זעהר מיאוס'ע ראלע אין מעקסיקא, זי האט באטראכט זיך איבער דער רעגירונג און זי האט ביי פילע געלעגענהייטען אריינגעשלעפט פרעמדע מעכטע צו דערשטיקען דעם ווילען פון פאלק (ווי למשל דאס ב-ענגען דעם פרינץ מאקסימילאן).

זייט-דאן האט מעקסיקא איבערגעלעבט א פעריאדע פון דיקטאטארס, באזונדערס פון פארטפיארא דיאז, וועלכער האט באהערשט דאס לאנד מיט אן אייזערנער האנט און וועלכער האט כסדר אוועקגעגעבען וויכטיגע קאנצעסיעס צו פרעמדע קאפיטאליסטען אזוי, אז די פרעמדע קאפיטאליסטען זיינען ממש געווארען די בעלי בתים פון לאנד. פון 1910 אן האט מעקסיקא דורכגעמאכט א רייהע רעוואלוציעס און קאנטר-רעוואלוציעס ביז דאס פאלק איז ענדליך געקומען צו זיך. דער איצטיגער סאציאליסטישער פרעזידענט, דער געוועזענער לעהרער און גענעראל, פלוטארקא קאלעס, האט זיך ענדליך גענומען דורכפיהרען אין לעבען די פראוויזיעס פון די קאנסטיטוציעס פון 1857 און פון 1917 לטובת די ברייטע פאלקס מאסען. אבער דא האבען די אויסלענדישע קאפיטאליסטען, מיט די אמעריקאנער בראש, אנגעפאנגען א קאמפיין פון פארלוימדונגען, וועלכער באצוועקט, קענטיג, צוצוגרייטען דאס אמעריקאנער פאלק פאר א נייער מיליטערישער עקספעדיציע קיין מעקסיקא.

ווער ווייסט, אפשר גרייט מען שוין די פלענער פאר גענעראל פוירשינג ער זאל נאך אמאל ארייןמארשירען אין מעקסיקא צו לערנען מיט'ן ליידענדען מעקסיקאנער פאלק „דעמאקראטיע".

די קאנסטיטוציע פון 1917 איז א שעהנער דאקומענט מיט וועלכען מעקסיקא מעג שטאלצירען און ניט אומזיסט האבען די מאכטהאבער פון דער וועלט זיך דערשראקען פאר איהר. אבער אין 1917 האט מען גע'מלחמה'וועט פאר דעמאקראטיע און עס האט ניט געפאסט זיך אריינרייסען אין מעקסיקא (און אפשר האט מען ניט געקענט). אגב האט מעקסיקא ניט געקענט דורכפיהרען די שעהנע פראוויזיעס פון דער קאנסטיטוציע איבער די קאנטר רעוואלוציעס. איצט וויל די מעקסיקאנער רעגירונג דורכפיהרען די רעפארמען פון דער 1917 קאנסטיטוציע. אלע רעאקציאנערע כחות פון לאנד ווערען אויסגענוצט געגען דעם, עס ארגאניזירען זיך אבער אויך די פראגרעסיווע כחות געגען דעם פארזוך צוצוגרייטען א נייע מיליטערישע דעמאנסטראציע אין מעקסיקא. א קאנפערענץ פון פראגרעסיווע סענאטארען, קאנגרעסלייט און סתם פראגרעסיווע בירגער, אפגעהאלטען אין שיקאגא אלס די „עמוירדזשענסי פאריען פאליסי קאנפערענץ" פארלאנגט צו אנערקענען מעקסיקא'ס רעכט צו האנדלען ביי זיך אין דער היים אזוי ווי זי וויל. שעהנע פון אלעמען אבער האט זיך אין דער פראגע געשטעלט די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר, אויף וועמען די ארבייטער און די ארבייטער רעגירונג פון מעקסיקא שטיצען זיך זעהר פיל. אויף דעם פארלאנג פון פרעזידענט קאלעס פון מעקסיקא, האט פרעזידענט גרין פון דער פעדערײשאן געשיקט דעם סעקרעטאר פון דער „פאן-אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר", סאנטיאגא איגלעסיאס, קיין מעקסיקא צו שטודירען דעם ענין און זיין באריכט אין דעם „פעדערײשאניסט" (פון מערץ 1926) איז באמת דערפרעהענד.

די וויכטיגסטע רעפארמען, וועלכע מעקסיקא וויל איצט דורכפיהרען און געגען וועלכע די אמעריקאנער קאפיטאליסטען קעמפען אזוי פארביטערט זיינען, אין קורצען, די פאלגענדע:

1. **לאנד רעפארמען.**—דאס מעקסיקאנער פאלק האט ניט קיין לאנד. פרעמדע קאפיטאליסטען האבען דאס לאנד געקראגען, מעהרסטענס אויף א ניט עהרליכען אופן, פון די דיקטאטארען. מעקסיקא מוז אימפארטירען קארן (דער וויכטיגסטער שפייז) אין דער צייט ווען דאס לאנד פוסטעוועט און דאס-פאלק קען דאס ניט באארבייטען. דאס לאנד מוז אירעגירט ווערען כדי עס זאל ווערען פראדוקטיוו. האט מעקסיקא געפאסט אזא געזעץ: יעדער לאנד באזיצער מוז אירעגירען און באארבייטען זיין לאנד. אויב ער קאן ניט — וועט די רעגירונג דאס טאן אויף דעם אייגענטימערס חשבון. אויב ער קען ניט באצאהלען — וועט די רעגירונג צונעמען א טייל לאנד פאר הוצאות. דאס צוגענומענע לאנד וועט צוטיילט ווערען צווישען די וועלכע זוכען לאנד צו באארבייטען, פאר קליינע פרייזען אויף לאנגע טערמינען, מיט א באווארעניש געגען ספעקולאציע. די רעגירונג וועט אויך שאפען ביליגע קרעדיט באנקען פאר דעם צוועק. אזוי ארום ווילען די ארימע בירגער קריגען לאנד און א גרויסע נאציאנאלע פראבלעמע וועט געלייזט ווערען — דאס לאנד וועט זיין זעלבסטשטענדיג, וועט האבען גענוג אייגענע שפייז. שרעקען זיך די רייכע לאנד-באזיצער, מעהרסטענס אמעריקאנער, און סטראשען מעקסיקא און מען ווארפט איהר פאר באלשעוויזם, קאמוניזם א. אז. וו.

2. **פעטראלעאום און לאנד געזעצען.** — דער מעקסיקאנער פארלאמענט האט אנגענומען די פעטראלעאום און לאנד געזעצען. דער ערשטער זאגט: אז דאס פאלק זאל שטענדיג האבען דאס רעכט ארויפצולעגען אזעלכע באגרעניצונגען אויף פריוואטען אייגענטום לויט ווי די פאלקס אינטערעסען ווילען פארלאנגען און דאס פאלק זאל אויך האבען דאס רעכט צו רעגולירען דאס רעכט פון אנטוויקלען די נאטירליכע רייכטימער.

דאס לאנד געזעץ רעגולירט דאס פארקויפען פון באדען. לויט דעם געזעץ וועלען פרעמדע יחידים און קארפארײשאנס מוזען זיך באטראכטען ווי מעקסיקאנער, און ניט ווי עקסטרא פריווילעגירטע, בנוגע דאס רעכט צו האבען לאנד און לאנד קאנצעסיעס. פרעמדע בירגער און קארפארײשאנס פלעגען ביי יעדער אומצופרידענהייט אריינשלעפען זייערע רעגירונגען און צווינגען דער מעקסיקאנער רעגירונג צו געבען זיי גרעסערע פריווילעגיעס איידער מעקסיקאנער גופא. דאס וויל מעקסיקא איצט אפשאפען.

3. **ארבייטער געזעצען.**— מעקסיקא האט אנגענומען זעהר פראגרעסיווע ארבייטער געזעצען, פאר וועלכע די פרעמדע קאפיטאליסטען שרעקען זיך. די קאנסטיטוציע פון 1917 דערקלערט, אז קיינער קאן ניט געשטערט ווערען אין זיין ארבייט אדער באשעפטיגונג כל זמן דאס איז געזעצליך. אויף דעם באזיס האט דער קאנגרעס באשלאסען, אז א דריטע פערזאן האט די זעלבע רעכט און טאר ניט געשטערט ווערען. דאס ווערט בפרוש פארטייטשט, אז אן ארבייטער טאר ניט אנטזאגט ווערען, אדער אן אנדערער אנגעשטעלט ווערען אויף זיין פלאץ איידער די באארד אוו ארביטרײשאן האנדעלט. ווען אן ארבייטער ארבייט ניט איבער קראנקהייט אדער אנדערע עהנליכע אומשטענדען און מען ערלויבט איהם ניט פארנעמען די זעלבע פאזיציע, מיינט עס, אז מען שטערט איהם אין זיין געזעצליכע ארבייט. און ווייטער: די געזעלשאפט אלס א גאנצע האט געוויסע רעכטע, וועלכע מען טאר ניט שטערען. ווען מען שטעלט אן סטרייק-ברעכער אין א געזעצליכען סטרייק, הייסט עס א פארברעכען געגען די געזעצען פון דער געזעלשאפט. ווען א מאיאריטעט האט געזעצליך באשלאסען צו סטרייקען און די מינאריטעט איז געגען און זיי פרובירען ארבייטען, הייסט עס, אז זי שטערט דער געזעלשאפט אין איהרע רעכטע.

אין ווערא קרוז האט אן אויל קאמפאניע איגנארירט איהר אפמאך מיט די ארבייטער און זי האט זיך גענומען ברעכען דעם סטרייק. דערצעהלט סאנטיאגא איגלעסיאס, אז דער העכסטער געריכט אין מעקסיקא האט גע'פסק'נט, אז די קאמפאניע דארף באצאהלען שטראף פאר שכירות א סומע פון א האלבען מיליאן דאלאר (אין אמעריקאנער געלט).

קיין וואונדער ניט וואס די ארבייטער שטיצען אזוי הארציג זייער רעגירונג און וואס די רייכע זיינען אזוי פארביטערט געגען דער רעגירונג און געגען דער נייער קאנסטיטוציע.

5. **געזעצען וועגען קירכע אייגענטום.** — די קאטאלישע קירכע איז די הערשענדע. זי איז מורא'דיג רייך, זי פארמאגט ריזיגע שטרעקעס לאנד, זי איז באשטאנען און באשטעהט איצט אויך, אז זי איז איבער דער רעגירונג. וויל די רעגירונג צונעמען די שטיקער לאנד, וועלכע פוסטעווען און זיי געבען צום פאלק. זי וויל אויך, אז די קירכע זאל זיך ניט מישען אין פאליטישען לעבען, זאל ניט שטערען דער רעגירונג. פארלאנגט די רעגירונג דאס רעכט צו קאנטראלירען די פאלקס-שולען פון דער קירכע, וועלכע ווערען אויסגענוצט פון דער קירכע פאר פאליטישע פראפאגאנדע, וויל די רעגירונג איינפיהרען וואס מעהר פאלקס-שולען און אויפקלערונג און וויסען. די קירכע האט שוין עטליכע מאל אריינגעשלעפט פרעמדע מעכטע געגען מעקסיקא. וויל די רעגירונג מיט א שטארקער האנד אפטיילען די קירכע פון שטאט און זי באנוצט זיך מיט די קאנסטיטוציעס פון 1857 און 1917. פראטעסטירט די קירכע, אז מען פארפאלגט דורך דעם די רעליגיאן, א. א. וו. און די קירכע וויל אויסנוצען די פארפלאנטערטע אינטערנאציאנאלע לאגע צו שלאגען די מעקסיקאנער רעגירונג.

און דאס ליידענדע פאר הונדערטע יאהרען ביי פרעמדע פארשקלאפטע, מעקסיקאנער פאלק וויל זיך באפרייען פון דעם יאך פון א גרופע פרעמדע קאפיטאליסטען, ווילען בויען פאר זיך א פרייען און גליקליכען לעבען, ווילען פרייהייט, לאנד און וויסען. אבער א מעכטיגע גרופע פון אויסלענדישע קאפיטאליסטען ווערגט דאס פאלק און די קירכע העלפט צו. רייצט די פרעסע געגען מעקסיקאנער פאלק, פארשפרייט ליגענס און בלבולים. אפעלירען די מעקסיקאנער ארבייטער צום געוויסען פון אמעריקאנער פאלק, צו די יורשים פון לינקאלן. שטיצען זיי זיך אויף דער הילף פון די פראגרעסיווע עלעמענטען, הויפטזעכליך אויף דער הילף פון די ארגאניזירטע אמעריקאנער ארבייטער, וועלכע וואלטען געמעגט נעמען מאנכע פון די דורכגעפיהרטע מעקסיקאנער ארבייטער-געזעצען אלס מוסטער אויך פאר אונזער לאנד.

וועלען די „פראגרעסיווס" און די „פעדערײשאן" קאנען אפהאלטען א צווייטע פוירשינג עקספעדיציע קיין מעקסיקא? עס ווילט זיך האפען, אז יא.

(ארויסגענומען פון „אידישען ארבייטער").

## אויף ווען ווארט איהר?

דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז שוין אפען. לויפט גלייך אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט, 16טע סטריט, און שרייבט זיך איין אויף ארויסצופאהרען אין אייער פראכטפולער זומער היים, די יוניטי הויז. ווארט ניט אויף שפעטער, טוט עס באלד.

## ענטפערס פון רעדאקציע

**אב. ברייען.** — איהר האט ווארשיינליך ארויסגעשיקט דאס בריוועל צו אונז, איידער איהר האט געזען דעם ענטפער צו אייך אין אונזער לעצטען נומער. אבער מיר ווילען אייך זאגען, אז די לידעל, וואס איהר האט אונז לעצטע וואך צוגעשיקט, געפעלט אונז בעסער, ווי יענע לידעל אייערע, וואס מיר האבען פון פריהער, און מיר ווילען עס טאקע פריהער פארעפענטליכען, אפשר נאך אין קומענדען נומער. אמת טאקע, דאס לידעל האט מעהר הומאר, ווי פאעזיע, אבער הומאר איז אויך עפעס ווערט. אגב האט עס א פיינעם ווארט-שפיל און איז לייכט אויסגעשריבען, ניט געמאטערט.

**ד. ז. סטאר, לאק. 2.** — איהר באקלאגט זיך אומזיסט. אייער בריף איז געווען פארעפענטליכט אין דער „גערעכטיגקייט". אפשר האט איהר יענעם נומער ניט באקומען. דער צווייטער בריף אייערער ווערט געדרוקט אין היינטיגען נומער.

**וו. גרינבערג.** — איצטער, ווען דער דזש. באארד האט שוין ארויסגעזאגט זיין מיינונג און גענומען א שטעלונג צו דעם רעפארט פון דער גאווערנאר'ס קאמיסיע, איז אייער בריף אם-פלאץ און ווערט פארעפענטליכט אין דעם נומער.

**מעמבער פון לאקאל 2.** — יע, מיר וועלען דרוקען מיינונגען פון אונזערע לעזער וועגען דעם רעפארט פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן. דעריבער טאקע האבען מיר דעם גאנצען רעפארט ווארט אין ווארט, געדרוקט אין אונזער צייטונג. מיר האבען געוואלט, די מיטגלידער זאלען איהם אויפמערקזאם לעזען און פאסען א מיינונג. און באזונדערס איז עס וויכטיג פאר די ניו יארקער קלאוקמאכער, וועלכע וועלען האבען דאס לעצטע ווארט אין דער פראגע, וועלכע וועלען דארפען שטימען, אויב דער רעפארט זאל אנגענומען ווערען אדער ניט. און אויב איהר האט עפעס צו זאגען וועגען דעם רעפארט, וועלען מיר עס דרוקען, אויב עס וועט נאר זיין לאגיש און צו דער זאך. אויב איהר וועט שרייבען, שרייבט קלאר און דייטליך, אויף איין זייט פון פאפיר, און שיטערע שורות, אז טאמער וועט מען דארפען ערגעץ „פיקסען", זאל עס ניט אנקומען צו שווער צו טאן. האט אין זינען, אז אויך אין א רעדאקציע דארף מען ניט ארבייטען שווער, ווען עס קען געמאכט ווערען לייכטער.

**סעם בויער, לאקאל 2.** — אין אנאנדער צייט וואלטען מיר ערפילט אייער וואונש און אייער בריוועל אפגעדרוקט. אין דעם מאמענט אבער קאנען מיר עס ניט טאן. די צייט איז א צו ערנסטע. דאס בריוועל אייערס מאכט דעם איינדרוק, אז איהר באלאנגט צו די „סלאָע ארבייטער" און איהר מיינט, אז איהר קאנט געהאלפען ווערען נאר דעמאלט ווען מען זאל צוריק איינפיהרען שטיק-ארבייט. אייער שטעלונג איז דורכאויס א פאלשע און ניט איצט איז די צייט עס צו דיסקוטירען אין אונזער צייטונג.

**ד. ג.** — פאר אן אנפאנג איז עס גאנץ גוט. מיידט אויס ארייגצומישען ענגלישע ווערטער. למשל: „בעאמטער" איז אויך ניט קיין כשר אידיש ווארט, אבער „אפיסער" איז שוין גאר ניט אידישלאך. אזוי האבען מיר אויך געמוזט מאכען פון „אין רעגארד" „אין באצוג" און נאך און נאך... שרייבט אויך שיטערער די שורות. זשאלעוועט ניט א שטיקעל פאפיר. די פאסט וועט טראגען פאר'ן זעלבען געלט נאך א פאר זייטלאך. האלט אייער צוזאג און שרייבט ווייטער. מיר ווילען טאקע וויסען וואס עס טוט זיך דארט ביי אייך אין דער יוניאן.

**א וועגעטאריאנער פון פילאדעלפיע.**— יע, אין דער יוניטי-הויז איז דא א באזונדערער טיש פאר וועגעטאריאנער, און זיי באקומען סטריקט וועגעטאריאנער מאכלים, זיי זאלען ניט דארפען „זינדיקען" געגען זייער פרינציפ. סיידען, נאטירליך, מאנכער וועגעטאריאנער ווערט געשטרויכעלט, ס'כאפט איהם אן א חשק צו זינדיקען, און ער כאפט אמאל א שטיקעל הערינג פון אן אנדער טיש, קען ער די דאזיגע „עבירה" באגעהן נאר שטעהענדיג ביי דעם טיש, וואו עס זיצען די „קאניבאלען", די הערינג- און פלייש-„פרעסער". כדי ניט צו פארלעצען די געפיהלען פון די פרינציפיעלע, 100-פראצענטיגע וועגעטאריאנער. איהר קענט, אלזא, פארברענגען אין דער יוניטי-הויז א פיינעם וואקיישאן, געניסענדיג פון די פיינסטע וועגעטאריאנער מאכלים, וואס ווערען ספעציעל פאר זיי געמאכט. רעדזשיסטרירען זיך קענט איהר ביי אייך אין פילאדעלפיע, אין דעם אפיס פון דער קלאוקמאכער- אדער דרעסמאכער יוניאן. פילאדעלפיער פארשפארען זיך צו באדערען צו שרייבען אין ניו יארק, זיי קענען זיך רעדזשיסטרירען אויף ארויסצופאהרען אין דער יוניטי-הויז ביי זיך אין דער היים, אין איינעם פון אונזערע יוניאן-אפיסעס פון פילאדעלפיע.

# נייע וועגען אין דער באוועגונג פון ארבייטער בילדונג

פון פאניא מ. קאהן

(געלייען געדרוקט אין „לייבאר איידזש" אקטאבער, 1925)

די באוועגונג פון ארבייטער בילדונג איז נאך גאר א יונגע און ווי פילע אנדערע יונגע באוועגונגען האט זי געהאט דעם שלימזל צו ווערען מיספארשטאנען פון פילע. איבערגעשאצט ביי איינינע און אונטערגעשעצט ביי אנדערע. יעדער גרופע האט עס אויסגעטייטשט אויף איהר שטייגער, אז דער צושויער איז צוטומעלט געווארען וועלענדיג אויסגעפינען די פאליסעס, צילען און צוועקען פון דיזע באוועגונג.

פילע פערזאנען וועלכע האבען צוגעגעבען, אז זיי זיינען געווען באגייסטערט פאר דיזער באוועגונג אין איהר אנהויב מיט איינינע יאהר צוריק, זיינען איצט ענטוישט וועגען איהר צוקונפט. אין זייער פעסימיזם זיינען זיי געגאנגען אזוי ווייט אז זיי זיינען געווארען קריצערער געגען דער באוועגונג, און אין זייער פארזיך ארונטערצורייסען עס, האבען זיי אויסגענוצט א וועלט מיט ווערטער צו ערקלעהרען וואס זיי דענקען וואס ווירקליכע ארבייטער בילדונג איז און דארף זיין. דער געוועהנליכער לעזער פון דיזע פאלעמיקס האט זיך פארלארען אין דעם ים פון פראזען. אבער א פארשטענדיגער לעזער וועט זיך קאנען אפקלייבען די פראזען פון זייער אמת'ער מיינונג און די פראקטישע פארשלעגע וואס זיינען געמאכט געווארען. און אויב ער וועט זיין אין צווייפעל, אויב עפעס וועט איהם ניט קלאהר זיין, וועט ער מאכען א שטודיום פון די צילען און צוועקען פון די גרינדער פון אט דיזער ארבייטער בילדונג באוועגונג, וועלכע זיינען נאך אלץ איינפלוסרייך אין דיזער באוועגונג, און וועט אויסגעפינען, אז דער נייער שטאנדפונקט פון אט די קריטיקער ליגט ניכער אין דעם אופן ווי אזוי זיי שלאגען עס פאר ווי אין זיין אינהאלט.

די צילען פון דער ארבייטער בילדונג באוועגונג זיינען שטענדיג געווען קלארע. די פיאנערען פון דיזער באוועגונג האבען שטענדיג אונטערגעשטראכען אז עס האט א דאפעלטע באדייטונג, א קאלעקטיווע און אן אינדיווידועלע. וועהרענד עס אפערט דעם ארבייטער אלס איינצעלנעם א מעגליכקייט זיך צו בילדען, צו ענטוויקלען זיין פערזענליכקייט און כאראקטער און זיך באקאנען מיט דער וועלט אין וועלכער ער לעבט, פיהלען זיי אבער, אז דער הויפט צוועק פון דיזער באוועגונג און צו מאכען איהם מעהר ווירקזאם אין זיין גרופע. אין זיין קלאס און מיט דעם פארשטארקען די ארבייטער ארגאניזאציעס. עס צילט, ערשטענס, צו פאראינטערעסירען איהם אין דער אינדוסטריע ביי וועלכער ער ארבייט און אירע פראדוקציאנס פראצעסען, איהר טעכניק, איהר ספעציפישע עקאנאמישע פראבלעמען און די פארשידענע מיטלען וואס מען שלאגט פאר פאר זייער לעזונג. די שייכות פון דיזער אינדוסטריע צו אנדערע ענליכע אינדוסטריעס און דעם פלאץ וואס דיזע אינדוסטריע פארנעהמט אין אונזער עקאנאמישען און סאציאלען לעבען.

זיי שטרעבען ווידער צו פאראינטערעסירען די ארבייטער אין זייער יוניאן, אין די צילען, פראבלעמען און פאליסים פון זייער יוניאן, צו מאכען זיי באוואוסטזיניג וועגען זייער פאראנטווארטליכקייט אלס מיטגלידער פון אן אינדוסטריעלער ארגאניזיישאן און דעם פלאץ וואס עס אפערט זיי אין אונזער אינדוסטריעלער געזעלשאפט.

די גרינדער פון דער ארבייטער בילדונג באוועגונג, וועלכע זיינען אליין טרייד יוניאניסטען, זיינען געווען באוואוסט פון דעם פאקט אז דער ווירקליכער קאלעדזש פאר די ארבייטער איז זייער יוניאן. דאס איז אין דער יוניאן וואו ער לערנט די עקאנאמישע און סאציאלע פראגען און ווי זיי צו לעזען. די גרינדער פון דער וואירקערס עדיוקיישאן באוועגונג האבען שטענדיג אין זייער ליטעראטור אונטערגעשטראכען אז דאס איז ביי דעם יוניאן מיטינג אדער שאפ מיטינג אדער קאנווענשאן וואו דער ארבייטער קריגט זיין אמת'ע ערציהונג. זיי האלטען ווידער, אז יעדע סארט עדיוקיישאן, וואס מען גיט אן ארבייטער מוז זיין אין צוזאמענהאנג מיט די אינטערעסען פון טרייד יוניאניזם און אז מען קען עס ניט אנרופען ארבייטער בילדונג ווען עס ווערט אנגעפירט אבסטראקט.

מאנכע פערזאנען באגרעניצען על־פי־טעות די ארבייטער בילדונג מיט'ן קלאס צימער, און אורטיילען עס לויט די צאהל סטודענטען וואס זיינען ענראלד אין קלאס. אבער די ווירקונג פון ארבייטער בילדונג געהט פיל ווייטער ווי די ווענט פון קלאס צימער. עס ווערט אפגעשפיגעלט אין די טרייד יוניאן ליטעראטור, אין זייערע צייטונגען און ביכער, אין די דיסקוסיאנען ביי די יוניאן מיטינגען, אויף די קאנווענשאנס, און ביי די עקזעקוטיוו מיטינגען. אלס רעזולטאט פון דיזער וואירקערס עדיוקיישאן באוועגונג זיינען שוין טאקע א סך ביכער און פאמפלעטען געשריבען געווארען וועגען טרייד יוניאניסטישע פראבלעמען, פאליסעס און טאקטיקס.

צום אנהויב האט זיך טאקע די ארבייטער בילדונג הויפטזעכליך באגרעניצט אויפ'ן קלאס צימער, אבער איצט האט זי אויסגעברייטערט איהר פעלד פון טעטיגקייט און איז אריינגעטראטען אין פיל נייע טעטיגקייטען. וועהרענד די וויכטיגקייט פון קלאס צימער איז ניט פארמינערט געווארען האט מען אבער אויך אין דער זעלבער צייט אנגעהויבען נייע געביטען פון טעטיגקייט. דורך דער ווירקונג פון דער ארבייטער בילדונג באוועגונג זיינען די ארבייטער געווארען מעהר זעלבסט־באוואוסט, האבען אנגעהויבען שטודירען די געשיכטע פון די ארבייטער באוועגונג און פארמולירען איהרע צילען. דאס שטודיום אין די קלאסען האט געפאדערט מעהר קלאהרקייט און דייטליכקייט וועגען אט די אלע נעגענשטענדען, זיינען דעריבער ביכער און פאמפלעטען וועגען דיזע געגענשטענדען געשריבען געווארען. די וואירקערס עדיוקיישאן באוועגונג ווערט אויסגענוצט פון די יוניאנס צו פאראינטערעסירען אלץ מעהר און מעהר זייער מיטגלידערשאפט, און אויך געבען צו פארשטעהן זייערע צוועקען און צילען די פרויען און קינדער פון די ארבייטער. א נייער פארזוך ווי אזוי אריינצוציהען מעהר ארבייטער אין די קלאסען קאנפערענצען הויפטזעכליך אין די זומער מאנאטען — איז דורך קאנפערענצען און זעלבסטבילדונג. די ארבייטער באוועגונג אנערקענענדיג די וויכטיגקייט פון אט די אלע פארזוכען און טעטיגקייטען, האט זיך פארפליכטעט צו שטיצען דער וואירקערס עדיוקיישאן באוועגונג, אויספאדערענדיג אלע יוניאנס וואס זיינען פארבונדען מיט דער אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר זיך אנצושליסען אן דער וואירקערס עדיוקיישאן ביורא און צאהלען דארט א געוויסע סומע דיוס.

די ארבייטער באוועגונג איז געווארען מעהר זעלבסט באוואוסט, האט אנגעהויבען זיך אפצוגעבען מעהר חשבון הנפש, זיך צו פארטיפען מעהר אין איהר ארבייט, איהרע צילען און דערגרייכונגען, און אין דעם איז איהר די וואירקערס עדיוקיישאן ביורא געווען א גרויסע הילף. די וואירקערס עדיוקיישאן ביורא האט אין דער פארגאנגענהייט און וועט נאך אויף א גרעסערען מאסשטאב אין דער צוקונפט, העלפען אט דער דאזיגער שטרעבונג צו זעלבסט אפשאצונג, וועלכע איז פון אזא גרויסען ווערט פאר די יוניאנס איבעראל. דער וואקסענדער פארלאנג צו אויסדריקליכקייט, צו מעהר קלארקייט וואס איז ניט מעהר און ניט ווענינער ווי אן אויסדרוק פון אט דעם פארלאנג צו פארשטעהן און קאנען זיך אליין און וואס איז דייטליך ארויסגעבראכט אין די שריפטען, ביכער און זשורנאלען פון די פארשיידענע יוניאנס, האט אין גרויסע מאסען צו פארדאנקען די וואירקערס עדיוקיישאן באוועגונג, ווייל די שטודיומס אין די קלאס־צימערען האט ארויסגערופען באדערפעניש פאר אזעלכע שריפטען.

די וואירקערס עדיוקיישאן באוועגונג סטימולירט אט דעם נייעם אינטערעס אין די יוניאנס צו שטודירען זייערע אויפגאבען, פראבלעמען און טאקטיקס. דורך דער ווירקונג פון דער וואירקערס עדיוקיישאן באוועגונג, האבען די ארבייטער אנגעהויבען צו פארשטעהן אז זיי שטעהען נאך פיל הינטערשטעליג געגען די פיהרער פון קאפיטאליסטישען קלאס צו שלאגען קאפיטאל פון זייער ערפאהרונג. זיי הויבען אן צו אנערקענען דעם פאקט, אז די ערשטע בויער פון דער ארבייטער באוועגונג פארשווינדען ביסלעכווייז און אז נייע מענשען פארנעהמען זייער פלאץ. און כדי די ארבייט פון דיזע פיהרער זאל זיין ווירקזאם מוז זיי געגעבען ווערען די געלעגענהייט זיך צו באקאנען און באנוצען מיט דער ערפאהרונג וואס זייערע פארגענגער האבען פאר יאהרען און יאהרען געזאמעלט. זיי נויטיגען זיך אין געשריבענע געשיכטס ביכער פון דער ארבייטער באוועגונג און אין ערינערונגען פון די יוניאן פיהרער. א שטרעבונג אין דיזער ליניע מערקט זיך שוין. די וואירקערס עדיוקיישאן באוועגונג האט אין דער פארגאנגענהייט און וועט נאך פיל מעהר אין דער צוקונפט סטימולירען אן אינטערעס צו שרייבען די געשיכטע פון אונזערע טרייד יוניאנס, וועלכע איז אזוי רייך אין ערפאהרונג און אין דערגרייכונגען.

(שלוס נעקסטע וואך)

## דער טרויער־סוף

(ב. צ. בורשטאק'ן)

פון שמואל קרייטער.

כ'האב ליכטער אין דער נאכט געצונדען,
נאר קיין איינס ז'געבליבען שפינען
דאס ליכט, אינ'ם וואנדער־וועג.
כ'האב צו געטער זיך געבויגען,
מיינע הענט אין אנגסט געצויגען,
מיר צו געבען טרייסט און גלויבען
אין מיינע אומעט־טעג.

האט זיך א צער אין מיר פארקליבען,
די בלייכע פרייד פון מיר פארטריבען,
מסתמא ניט באשערט!...
אצינד וויינען מיינע טעג פארהילטע,
דורך די נעכט פון פיין צעגליטע,
געזאנגען פון דער זייט פארשטילטע,
ווערען פון קראען פארצערט.

איז ערגעץ וואו א וועג פאראן? —
עס שפרייט איר טול אויס א טומאן
און וועבט מיך אין זיין טויבקייט איין.
וואלט כאטש א בליץ גענומען שטראלען! —
ווי טויטע ראבען, שאטענס פאלען.
עס קלאגט אויס דער שרעק דורך שאקאלען
דעם טרויער־סוף פון פארגיין.

## פרעזענטירען א ביזנעס אייד־זשענט פון דער יוניאן.

ווערטער רעדאקטאר: —

מיר, די ארבייטער פון גרינבערג און טשאטנאף, 39 וועסט 29טע סטריט, אנערקענען די ארבייט פון אונזער ביזנעס איידזשענט, ברודער סקורניק. אטענדענדיג אונזער שאפ האט ער זעהר פיל נוטעס אויפגעטאן פאר די ארבייטער. דערפאר האבען מיר באשלאסען, ביי א שאפ־מיטינג, צו פרעזענטירען איהם מיט א דיימאנט רינג.

ד. פייגענבוים, טשערמאן.
הערים שקאלניק
מאקס סאקס
ז. ראזענטאל
די קאמיטע.

## דאס לעבען איז קורץ

איין מינוט פון אמת'ן פארגעניגען איז מעהר ווערט ווי יאהרען פון מאטערניש. פאהרט צו דער ערהאלונגס פון דער יוניטי הויז און לעבט א טאג! אויב איהר ווילט, קאנט איהר דארט פארבלייבען לענגער. אין שטאדט איז הייס און שטיקענד, קיין סך ארבייט אין די מעהרסטע ברייטע איז איצט נישטא — באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט אנצושעפען פרישע כחות פאר אייער ווייטערדיגער ארבייט. פאהרט אין דער יוניטי הויז! געניסט פון דעם לעבען! ווייל דאס לעבען איז קורץ! איהר וועט אליין איינס פארבלייבען די זעלביגע קבצנים!...

## פון א ברודער צו א ברודער

(און אפענער בריף פון א קלאוקמאכער צו א דרעסמאכער)

פון אב. קארלין.

מיין טייערער ברודער פון לאקאל 22! —

מיר זיינען ברידער פון איין אינטערנעשאנאל, פון דער אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט וואירקערס יוניאן. מיר צאהלען גלייכע דיוס און אסעסמענטס. דו ווערסט עקספלואטירט ביי דרעסעס און איך ביי קלאוקס. איך העלף ארגאניזירען און יוניאניזירען דיין שאפ, און דו וועסט זיך ניט ענטזאגען צו טאן דאס זעלבע אין מיין שאפ.

בקיצור, מיר זיינען פריינד און ברידער. געהערען אויך צום זעלבען קלאס, און מיר זיינען ביידע לוין־ארבייטער. דו ארבייטסט פון שטיק און פון וואך און איך אויך... דו האסט סיזאן און סלעק און איך אויך, — כאטש איך קען ניט מעסטען וועמעס סיזאנס און סלעק זיינען לענגערע.

אין קורצען, מיר זיינען ביידע אונטערווארפען אונטער דיזעלבע אומשטענדען. דערפאר זיינען מיר לייבליכע ברידער, ברידער אין נויט.

און דערפאר וואונדערט מיר טאקע, וואס דו קוקסט אויף מיר אזוי קרום ווען איך זוך א דזשאב ביי דיר אין שאפ, ביי ד'דרעסעס. דוכט־זיך אז דא, נאר ניט לאנג, האבען מיר ביידע געשריען: — „אמאלגעמיישאן". — און אויב אונז איז ניט געלונגען די אמאלגעמירונג, איז אונז געלונגען צו האבען איין דזשאינט באארד, אפילו איין גענעראל מענעדזשער. גלויב מיר, דער טאג וואס דאס איז געשעהען איז ביי מיר געווען א גרויסע שמחה, ניטא מעהר קיין „מיינע און דיינע". כאטש איין דזשאינט באארד.

און איצט קוקסטו אויף מיר, עפעס מיט אזעלכע אויגען... ווען איך קום זוכען א דזשאב אין „דיין" שאפ.

דו זאגסט, אז איך האב שוין מיין סיזאן געמאכט. פון וואנען ווייסטו דאס? האסטו דאס אונטערזוכט?

זאל שוין זיין אז יא. פלעגען ביי קלאוקס ניט ארבייטען ריפער מאכער פון לאקאל 17? און ארבייטען איצט ניט רעגען קאוט מאכער פון לאק. 20, סקוירט מאכער פון לאקאל 23 און אפילו שטיק שניידער און סאמפעל מאכער אויך. און אז ס'קומט צו מיר אין שאפ א ליידיס טיילאר האב איך אויך נאר ניט אויסגערעדט, — אבי א יוניאן מאן, אבי א ברודער פון אונזער יוניאן.

און ווען עס זאל זיך א דרעה טאן דאס רעדעל, די סטיילס: פאנדזשי קאוט, א לינען סוט אנשטאט א סוט און א קאוט־דרעס, פארזיכער איך דיר, אז איך וועל דיר ניט שטערען צו ארבייטען אין „מיין" שאפ דאן, ווען די איצטיגע דרעסעס וועלען זיך רופען קלאוקס.

נאר ניט לאנג צוריק פלעגען קלאוקמאכער אין די ספרינג און זומער חדשים ארבייטען אויף לינען און פאנדזשי. קליין איז געווען דער פארדינסט, אבער עפעס האבען מיר דאך פארדינט.

אונזער קלאוקס סיזאנס זיינען פארט צו קורץ, — איינגאנצען פון 6 ביז 8 וואכען צוויי מאל אין יאהר. ס'איז אמת אז די וואס האבען גוטע שעפער ארבייטען לענגער. זוכען דאך יענע קיין דזשאבס ניט.

ניין, ברודער דרעסמאכער! פון וועמען, וועמען. פון דיר האב איך אזעלכעס ניט ערווארטעט און איבערהויפט איצט, ווען לאקאל 2 און 22 זיינען אזוי ברידערליך פאראייניגט. איך האב ניט ערווארטעט פון דיר דו זאלסט זיין אזוי לאקאל „שאוועניסטיש".

פון דיר אזא שמאל הערציגקייט? פון דיר, וועמעס שעפער מיר העלפען ארגאניזירען און יוניאניזירען?...

איך האף, אז דו וועסט זיך באזינען, איינזעהן דיין טעות, וועסט מיר ניט טרייבען ביי'ן מיין יוניאן בוך וואס איז שוין 16 יאהר אלט!

דיין ברודער קלאוקמאכער
אב. קארלין.
מעמבער לאקאל 2.

# טרייד־יוניאניזם און עמיגראציע

(שלוס פון זייט 7)

זעהען איצט די פיהרער פון אייראפעאי־שען טרייד יוניאניזם, אז די ארבייטער עמיגראציע איז א פראגע פון דער אינ־טערנאציאנאלער סאציאל־פאליטיק, און אלס אזעלכע פאדערט זי פאר זיך דעם אקטיווען אינטערעס מצד די גיי־געשאפע־נע, אויב אויך נאך ניט גאנץ פולקאמענע, אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציעס, ווי דער „פעלקער־בונד" און דער וועלט־גע־ריכט. צוויישענס, און דאס איז נאך וויכ־טיגער, איז די ארבייטער־עמיגראציע בלויז א טייל פון א פיל גרעסערער פראגע — דער אינטערנאציאנאלער ארבייטס־פארטיילונג. יעדעס לאנד איז צוליב דער געאגראפישער לאגע, היסטארישע באַ־דינגונגען און עקאנאמישען געבוי באַ־זונדערס צוגעפאסט צו א באשטימטער ראלע אין דער וועלט פראדוקציע. זאלען נאר אראפגענומען ווערען די הויכע באַ־ריערען, וועלכע טיילען איצטער אָפּ איינ־צעלנע, ניט זעלטען אפילו די שכנותדיגע לענדער, און דער פרייער אינטערנאציא־נאלער אויסטויש פון ארבייטס־קרעפטען און פראדוקציאן וועט ברענגען אלע פעל־קער א מאטעריעלען און גייסטיגען נוצען. אנדערש וועלען די שווערע וואונדען אויף דעם צושעדיגטען און פארשמאכטען גוף פון אייראפא קיינמאל ניט קענען פאר־היילט ווערען. די שמערצליכע רעזולטא־טען דערפון וועלען אבער פריהער אדער שפעטער מוזען דערשפירט ווערען אויך אין אלע נישט־אייראפעאישע לענדער.

---

## גליקשטיין'ס דעזיינינג סקול

265 גרענד סטריט, ניו יארק



בעט. קריסטי און פארסייט סטס.
טעל. ארטשארד 8842
סקול פאר דעזיי־נינג, קאטינג און



גרוידינג אין אלע פאכען פון ליידיס, מענס, טשילדרענס און פור גארמענטס. פעטערנס ווערען געשניטען צו מעסיגע פרייזען.
די סקול איז אפען א גאנץ יאהר.

---

# דרעססמאכער

## מעמבערס פון לאָק. 22 א. ל. ג. וו. י.

איהר זייט אויפגעפאדערט צו באזוכען אונזערע ברענטש־מיטינגען, וועלכע ווערען אפגעהאלטען יעדען ערשטען און דריטען דאנערשטאג אין מאנאט (דעם 1טען און 15טען יולי)

## נעקסטער מיטינג - דאנערשטאג אוו., 17טען יוני

אום 8 אוהר אווענט — אין די פאלגענדע האלס:

**דאון־טאון — מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סטריט.**
**בראנקס — מעקינלי סקווער גארדען, 1258 באסטאן ראוד.**
**הארלעם — לאורעל גארדען, 75 איסט 116טע סטריט.**
**בראנזוויל — לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סטריט.**
**ברוקלין — אפיס פון דער יוניאן, 105 מאנטראוז עוועניו.**
**קוני איילענד — פיטיאן האל, 2864 וועסט 21טע סטריט.**

יעדער מעמבער, וועלכער וועט ניט אטענדען אמווייניגסטען איין מיטינג דעם קווארטאל, וועט דארפען באצאהלען 1 דאלאר שטראף.

עקזעקוטיוו באארד דרעססמאכער יוניאן לאקאל 22
דזשוליוס, פארטנאי, סעקרעטער.

פ. ס. — מעמבערס וועלכע פארלירען זייערע ביכלעך און וועלען פאר־לאנגען דופליקייטס וועלען דארפען באצאהלען 1 דאלאר.

---

# קלאוק, סקוירט און דרעס פרעסערס

## לאקאל 35, א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם!

ווערטע ברידער:
די רעדזשיסטריישאן פון אונזער גאנצער מעמבערשיפ גייט נאך אן און יעדער מעמבער מוז אומבאדינגט זיך רעדזשיסטרירען וועגען די ווייזשעס און וואכען וואס זיי ארבייטען. די וואס וועלען פארפעהלען וועט די עקזעקוטיוו באארד ארויפלייגען א געוויסע שטראף.

מאנטאג, דעם 14טען דזשון, 6 א זייגער אין אווענט, ווערען אלע אקטיווע מעמבערס גערופען אין אפיס פון אונזער יוניאן, אין אונזער קאונסיל רום, זיך צו פארשרייבען אין די פארשידענע קא־מיטעס זיך צוגרייטען צום קאמף פאר אונזערע פאדערונגען.

נעקסטע וואך וועט ווערט זיין א דזשענעראל מעמבער מיטינג ספעציעל צו באטראכטען די גאווערנאר קאמישאן'ס רעקאמענ־דאציעס.

האפענדיק אז איהר וועט דאס אלעס נעמען אין אנבאטראכט פארבלייבען מיר,
מיט ברודער גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 35,
י. גערטשיקאף, טשערמאן. דזש. גארעצקי, מענעדזשער.

---

# קלאוק אפערייטארס

## מעמבערס פון לאקאל 2, אויפמערקזאם!

## ספעשעל רעגעלע סעקשאן מיטינגען
וועלען אפגעהאלטען ווערען

## מאנטאג, דעם 14טען דזשון, 7.30 אווענט

ביי וועלכע עס וועט געהאנדעלט ווערען
דער רעפארט און רעקאמענדאציעס פון דעם גאווערנאר'ס קאמישאן און
דער יוניאן'ס שטעלונג צו די רעקאמענדאציעס.
עס איז די פליכט פון יעדען מעמבער צו קומען צו די מיטינגען.
די מיטינגען וועלען געהאלטען ווערען אין די פאלגענדע האלס:

**בראנקס:**
1. האנטס פוינט פאלאס, 163טע סט. און סאוטהערן בולווארד
2. ארבייטער רינג סענטער, 542 איסט 145טע סט., צווישען סט. ענס און ברוק עוועניוס.
3. בראנקס לייסעאום, 3690—3טע עוועניו, קארנער 170טע סטריט.

**הארלעם:**
4. קארלטאן האל, 6 וועסט 111טע סטריט.

**דאון־טאון:**
5. אד פעללאוס האל, 98 פארסייטה סטריט.
6. מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סטריט.

**וויליאמסבורג:**
7. ראיאל פעלעס, 16 מאנהעטען עוועניו.

**בראנזוויל:**
8. לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט

**איסט ניו יארק:**
9. רוזוועלט האל, 602 קליוולאנד סטריט.

**בארא פארק**
10. ארבייטער רינג סענטער, 1373 — 43טע סט., נעבען 14טע עוו.

**קוני איילענד:**
11. ארבייטער רינג סענטער, 3109 סוירף עוועניו.

מיר וועלען אויך אויפמערקזאם מאכען דאס לויט דעם באשלוס פון לאקאל מוז יעדער מעמבער באזוכען אמווייניגסטענס 1 מיטינג א מאנאט ווען ניט דארף ער באצאהלען 50 סענט שטראף.
[illegible]
מיט גרוס,
עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 2
[illegible]

---

קויפט אויסשליסליך
# קאלאטביא טהעע
# צוועטאטשני טשאי
# ווהייט לילי טהעע

---

## די אידישע אגרי־קולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויס־קינפטע וועגען פארמערי און ווי זיך אויס־צוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.
ניט קיינע דעפאזיטס איידער איהר בארט זיך מיט אונז.
אונזער ראט און סערוויס איז אבסאלוט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.
אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.
301 E. 14th St., New York City

---

# ווערט „אינדעפענדענט"

לערענט דעזיינינג און גריידינג פון מענס גארמענטס,
ליידיס טיילאר־מייד, דרעס־דעזיינינג.
פרענטש דרייפינג און פעטערן־מייקינג.
טויזענטער פון די וואס האבען זיך ביי אונז אויסגעלערענט פארדינען פון 3 טויזענט דאלאר ביז 10 טויזענט דאלאר א יאהר.

**גרונבארג דעזיינינג סיסטעמס**

122 פינפטע עוועניו, 52טער סטריט, ניו יארק סיטי
טעלעפאן, וואטקינס 5466.

---

# לערענט דעזיינינג

## איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך
נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

# מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פור גארמענטס.
די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פור גארמענטס און מענ'ס קליידער.
געגרינדעט איבער 50 יאהר.
די סקול האט ערריינכט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.
א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א באלדיגע שטעלע און גוטע ווייזשעס.
א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.
באזונדערע לעסאנס וועט געגעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אום איהר זאלט אלעס פארשטעהן.
די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכטע.
מיר זיינען די עלטעסטע פעשיאן קאמפאני אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.
טאג און אווענט קלאסען.
אווענט־קלאסען, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.
פרייע רעמאנסטריישאן אין אונזער סקוהל.
קומט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

**מיטשעל דעזיינינג סקוהל**

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן וויסקאנזין 5970.

---

# הארלעם באנק און קאמערס

2118 צווייטע עוועניו קאר. 109טע סטריט ניו יארק

פ. מ. פעראר', פרעזידענט
פ. עקס מאנקוסא, טשערמאן און די באארד
ת. וו. הובארד, וויס־פרעזידענט
פ. פעראר', וויס־פרעזידענט
ת. לאווערס, וויס־פרעזידענט
[illegible], קעשיר.

מיר טוען אלע באנק טראנסעקשאנס
אינטערעסט
סייפטי דעפאזיט
וואולטס

[illegible]

# שאפ־טשערליים הייסען גוט די שטעלונג פון דער יוניאן; די יוניאן רופט באלעבאטים צו קאנפערענץ

(שלוס פון זייט 1)

רעקאמענדאציעס אננעמען אדער צוריק־ווייזען.

ווי דער שטייגער איז ביי אונזערע קלאוקמאכער, האט זיך א שאט געטאן א גרויסע ארמיי פון רעדנער. עס האבען זיך געמאלדען „צום ווארט" עטליכע און צוואנציג פערזאן.

גלייך ווי די פארזאמלונג האט זיך געעפענט, האט ברודער סטענזאר, דער טשערמאן, אין נאמען פון דזשאינט באארד, אויסגעדריקט באדויערען אויף דעם פריהצייטיגען טויט פון מאיר לאנדאן, פאר א משך פון א סך יאהרען דער לאיער פון דער יוניאן, און ער האט אויפגעפאדערט די אנוועזענדע זיך אויפצושטעלען אין זיין פארעהרונג. אלע פארזאמעלטע האבען זיך אויפגעשטעלט און געשטאנען מיט געבויגענע קעפ אין פולען טרויער.

ווען די טשערליים האבען באקומען דאס ווארט, ווי נאר די ערשטע פאר רעדנער האבען אפגערעדט, האט מען שוין גלייך געקענט זעהן די שטימונג פון דער פארזאמלונג, און דאס איז, אז די רעקאמענדאציעס פון דער קאמישאן קאנען ניט אנגענומען ווערען פון דער יוניאן. אין דעם זין האבען גערעדט אלע רעדנער און זייערע רייד האט באקומען די פולע צושטימונג פון דעם גרויסען עולם אויף דער פארזאמלונג. דאס מיינט, אז די פארזאמלונג האט גוטגעהייסען די שטעלונג פון באארד און דירעקטארס און פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן אין דער פראגע.

ברודער בליימאן, פון לאקאל 2, האט פארגעלעזען א רעזאלוציע, וועלכע איז פון דער פארזאמלונג איינשטימיג אנגענומען געווארען.

די רעזאלוציע לייענט זיך ווי פאלגט:

„מיר, די קלאוקמאכער פון ניו יארק, פארטראטען דורך די שאפ־טשערליים און די קאמיטעס פון אלע שעפער פון דער אינדוסטריע, האבען פארזיכטיג באטראכט די רעקאמענדאציעס פון דער קאמישאן, וואס גאווערנאר אלפרעד סמיט האט באשטימט, און מיר ערקלערען:

„1) מיר שאצען אפ די גרינדליכע אויספארשונג, וואס די קאמיסיע האט געמאכט וועגען די שווערע פראבלעמען פון דער קלאוק און סוט אינדוסטריע, און ספעציעל איהר קלארען אנאליז פון די איבלען פון דער דזשאבער־סאב־מאנופעקטשורער סיסטעם, וואס דעמאראליזירט אונזער אינדוסטריע און צושטערט אונזערע ארבייטס־באדינגונגען.

„2) מיר באדויערען וואס מיר קענען ניט אננעמען דער קאמיסיע'ס רעקאמענדאציעס, ווי זיי ווערען פארגעשלאגען, ווייל זיי זיינען ניט קיין גרינדליכע רפואה פאר די איבלען אויף וועלכע מיר באקלאגען זיך. ביז די דזשאבערס, וואס טוען די גרעסטע טייל געשעפטען פון דער קלאוק און סוט אינדוסטריע, וועלען ניט געצוואונגען ווערען צו נעמען אויף זיך די געהעריגע פאראנטווארטליכקייט פאר די ארבייטער, וואס פראדוצירען זייער סחורה, און ביז די ארבייטער וועלען ניט קריגען א פארזיכערונג אויף א געהעריגער צייט פון באשעפטיגונג און פארדינסטען און גענוג שוץ געגען מיסהאנדלונג מצד די ארבייטסגעבער, וועלען די 35000 ארבייטער פון דער אינדוסטריע אומפארמיידליך ווידער פארזינקען אין דעם שענדליכען סיסטעם פון סוועט־שעפער און הונגער־לוין. די רעקאמענדאציעס פון דער קאמיסיע פארענטפערען ניט די נויטען פון די ארבייטער אויף עטליכע זעהר נויטיגע פונקטען.

„3) מיר בעאויפטראגען די דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן און מיר בעטען די הויפט באאמטע פון אונזער יוניאן, זיי זאלען קאנפערירען מיט די אסאסיאיישאנס פון די דזשאבערס, מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס און אויסארבייטען אפמאכען מיט זיי אויף די פרינציפען, וואס זיינען אויבען אנגעגעבען געווארען, און מיר גיבען זיי די פולמאכט צו אונטערנעמען אזעלכע אקציעס און אננעמען אזעלכע מיטלען, וואס וועלען, לויט זייער מיינונג, זיין נויטיג פאר די אינטערעסען פון אונזערע מיטגלידער, כדי צו פארזיכערען זיי מיט אן אנשטענדיגען לעבען פאר זייער ארבייט".

צום שלוס פון דער פארזאמלונג זיינען געהאלטען געווארען קורצע רעדעס [illegible]

## קאנפערענץ צו באנייען דעם אגרימענט.

ברודער היימאן האט אין זיין רעדע אויך באקאנט געמאכט, דאס דער דזש. באארד שיקט ארויס מיטוואך אן איינלאדונג צו אלע אסאסיאיישאנס פון די קלאוק באלעבאטים, זיי רופענדיג צו א קאנפערענץ מיט דער יוניאן, וואו עס זאל אויפגענומען ווערען די פראגע פון באנייען די אגרימענטס אין טרייד, וואס וועלען אויסגעהן אין א פאר וואכען ארום.

עס בלייבט, אלזא, צו זעהן, וואס די באלעבאטים וועלען ענטפערען. אויב די באלעבאטים ווילען נישט אריינציהען די יוניאן אין א פארביטערטען קריג, וועלען זיי אננעמען די איינלאדונג פון דער יוניאן און קומען צו א קאנפערענץ, וואו עס וועט געמאכט ווערען א פרוביר צו קומען צו אן אויסגלייך אהן די אריינמישונג פון זייטיגע מענשען אדער קאמיסיעס.

פון דעם ענטפער פון די באלעבאטים צו דער יוניאן וועט מען קאנען זעהן צי ווילען זיי קומען צו א פרידליכען אויסגלייך, אדער זיי ווילען אריינווארפען די קלאוק אינדוסטריע אין א שווערען קאמף, פון וועלכען אלע אין דער אינדוסטריע וועלען דארפען א סך ליידען. עס איז שוין צייט אז די קלאוק באלעבאטים זאלען וויסען, אז די קלאוקמאכער זיינען גוטע קעמפפער און פייטער. קוים וועלען זיי זיין געצוואונגען זיך צו נעמען פאר די וואפען, וועלען זיי דאס געוויס ניט ארויסלאזען פון האנט ביז צו א זיגרייכען ענד.

## פרעזידענט זיגמאן אין קליוולאנד און שיקאגא

(שלוס פון זייט 1)

דאס איז פארווערט געווארען פון קאורט דורך אינדזשאנקשאנס. א סך פון די פאראורטיילטע דארפען געהן אין פריזאן און אויף אנדערע איז ארויפגעלייגט געווארען א שווערע געלט־שטראף צוזאמען מיט א פריזאן טערמין.

אונזער אינטערנעישאנאל האט שוין אפעלירט די קייסעס אין א העכערען געריכט פון שטאאט אילינאי, און דער געריכט האט דעם אפיל צוריקגעוויזען. איצטער וועט פרעזידענט זיגמאן זעהן וואס עס קאן געטאן ווערען אין דעם קייס, צו מאכען א צווייטען אפיל געגען דעם גרויזאמען אורטייל.

### שיקאגא פעדעריישאן און לייבאר פארדאמט דעם אורטייל געגען אונזערע מיטגלידער.

די שיקאגא פעדעריישאן און לייבאר האט אויף איהר לעצטען מיטינג פראטעסטירט געגען דעם גרויזאמען אורטייל געגען אונזערע מיטגלידער פון שיקאגא, און האט פארדאמט דעם ריכטער, דזשאדזש ס. סאליוואן, וואס האט ארויסגעגעבען דעם דאזיגען אורטייל.

די שיקאגא פעדעריישאן און לייבאר האט אויך באשלאסען צו שטיצען פינאנציעל די פאמיליען פון די פאראורטיילטע געוועזענע פיקעטס, אויב דער לעצטער אפיל וואס די יוניאן מאכט פאר זיי, וועט אויך צוריקגעוויזען ווערען, און זיי וועלען מוזען געהן אפזיצען זייער טערמין אין פריזאן.

# קליוולאנד קלאוק און דרעס־מאכער קריגען א העכערונג אין ווידזשעס

(שלוס פון זייט 1)

די „לוירנערס", וואס ארבייטען אין די קלאוק און דרעס שעפער באקומען א העכערונג פון אומגעפעהר א דאלאר א וואך. די העכערונג איז, אלזא, גילטיג פאר אלע גראדען ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט אין דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע פון קליוולאנד.

דער פארהער האט זיך אנגעהויבען שבת, 10 אזייגער אין דער פריה, אונטער דער טשערמאנשיפ פון מאריס ל. קוק, פון פילאדעלפיע. באלד ביי דעם אנפאנג איז פאר'ן באארד און רעפערים קלאר געמאכט געווארען, דאס די ווידזשעס אין דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע איז ניט געהעכערט געווארען זינט דעם יאהר 1923.

דער יוניאן'ס קייס איז פארגעלייגט געווארען פאר'ן באארד און רעפערים פון פרעזידענט זיגמאן, וויס־פרעז. טשארלס קריינדלער און בר. א. קאטאווסקי, דער ביזנעס איידזשענט פון דעם דזשאינט באארד. זיי האבען אנגעוויזען אויף דעם צושטאנד אין דער אינדוסטריע און געפאדערט, אז א העכערונג אויף די ווידזשעס פון אלע ארבייטער אין דער אינדוסטריע זאל באווילינט ווערען.

צו הילף איז זיי געקומען סטוארד משעיס, פון דער „ניו יארק לייבאר ביורא", וועמען די יוניאן האט ספעציעל גענומען דערפאר. ער האט פארגעבראכט ציפערען און טאבעלען, וואס האבען געוויזען, אז די ארבייטער זיינען בארעכטיגט צו באקומען א העכערונג אויף די ווידזשעס.

די מאנופעקטשורערס זיינען, פארשטעהט זיך, אויפגעטראטען אין אפאזיציע צו דעם פארלאנג פון דער יוניאן. פרעד ס. באטלער, דער מענעדזשער פון דער קליוולאנד לידיס גארמענט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, האט גערעדט פאר די באלעבאטים. דער באארד און רעפערים האט אבער דאס מאל איינגעזעהן די גערעכטע טענות פון דער יוניאן און האט באווילינט דעם פארלאנג.

## וואס איז דער אונטערשיד צווישען גן עדן און די יוניטי הויז?

— וואס איז דער אונטערשיד? ס'גאנץ איינפאך. דער גן עדן, ווי די יוניטי הויז, איז זעהר פאפולער און באליבט.

— טא וואס איז דער אונטערשיד?

— דער אונטערשיד איז א גרויסער! אין גן־עדן איז מאקע גאנץ גוט צו זיין, נאר... קיינער וויל נישט געהן אהין. אפילו דער גרעסטער צדיק קווענקעלט זיך, ווען ער דארף אהין געהן. אבער אין דער יוניטי הויז ווילען אלע געהן. אהין לויפט מען! אהין פאהרט מען מיט דער טריין, מיט אויטאמאבילען און מאכט געהען אהין צו־פוס, מע „הייקט". אבער וואס איז דער אונטערשיד? — אבי מ'קומט אהין נאך פארגעניגען. און פארגעניגען באקומט מען דארט פלענטי גענוג!

איהר האט שוין איינגעפאקט דאס סעטשעל?

# צו די עקזאמינערס, מעטשערס פון לאקאל 82

(שלוס פון זייט 3).

„טיים ענד א־ העף". מיר ווילען אויך, אז די עקזאמינערס ביי די דזשאבערס און „קאונסיל לייט" זאלען גאראנטירט ווערען מיט א באשטימטער צאל וואכען ארבייט אין יאהר און ניט אפהאלטען עקזאמינערס 4 וואכען אין רעכטען ברען פון סעזאן פאר א הונגער ווידזש און דערנאך זיי ארונטערשיקען.

ווי איהר זעהט, ווייסען מיר וואס מיר ווילען, און דא קאן גאר ניט גילטען די געשרייען פון די דזשאבערס און די „קאונסיל לייט", אז מען וויל ביי זיי צונעמען „זייערע" מענשען.

מיר ווייסען גוט זייער גוטהארציגקייט אין באצוג די אלגעמיינע פאדערונגען פון דער יוניאן און אויך אין דער פראגע פון אונז, עקזאמינערס, און אזוי ווי די אלגעמיינע קלאוקמאכער יוניאן קאן ניט און וועט ניט לאזען די דזשאבערס מיט פוסטע רייד פון „גוטהארציגקייט" ארויסצודרעהען זיך פון פאראנטווארטליכקייט צו אלע קרעפטעס אין דער קלאוק־אינדוסטריע, אזוי וועט אויך סיי די אינטערנעשאנאל און סיי דער דזשאינט באארד פארטיידיגען די אינטערעסען פון די עקזאמינערס, אז זיי זאלען קריגען די פולע אנערקענונג אין אלע אגרימענטס.

ל. ראזענבלאט,
סעק.־מענעדזשער.

# יוני נומער „יוגנט"־זשורנאל שוין ערשינען

דער נומער 4 (20) פון „יוגענט זשורנאל", אפיציעלער ארגאן פון די יונגע פועלי ציון פון אמעריקא און קענעדע, איז שוין ערשינען מיט פאלגענדען אינהאלט: הימעל און ערד—ש. שאפירא, דער נאציאנאל־פאנד אלס ערציהונגס־אינסטיטוציע—מ. מאשעוויצקי, פילסודסקיס אויפשטאנד—מ. ראזענבערג, די „בחרות" אין ארץ־ישראל—א. לעווין, די חלוצה (ליד) —ש. יפה ביי אנדערע און ביי אונז—י. שניידער, צייט־שפיגעל אין דער ארבייטער־באוועגונג, נאציאנאל־פאנד בלומען־טאג, א וויכטיגע אויפגאבע, אונזער 5טע קאנווענשאן און באריכטען. אין דער ענגלישער אפטיילונג: וואס איז דער נאציאנאל־פאנד—ה. מערליס, צו מיר באלאנגט די ערד—ב. גינזבורג, א. רייזען—ה. ס., א קינדערשע רעפובליק (א בריף פון ארץ־ישראל), בילדונג אין היינטיגער געזעלשאפט—ק. א'הארי, די פועלי־ציון איבער דער וועלט—י. שניידער. עדיטאריעלס, בילדער, לידער און באריכטען. דער נומער אנטהאלט 20 זייטען און קאסט 10 סענט. צו קריגען אין הויפט־אפיס, 133 צווייטע עווענו, ניו יארק.


## פרעסערס פון קלאוקס

מיר בעטען אייך איהר זאלט אויסשניידען דיזען אדווערטייזמענט און באהאלטען ביי אייך אין פאקעט, ווייל איהר וועט אונז דארפען האבען

## מיר האבען געמופט

פון 123 פינפטע עווענו, צו

## 321 פינפטע עוו.

ביי דער 32טער סטריט, 1טען פלאר.

מיר האבען אויפגעפיקסט עקסטרא סאניטארי ווייער ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט, פלאש און בעליוויע. מיר האבען אויך די בעסטע סטימערס אין מארקעט, טרוקענע סטים מיט א גאראנטיע. אויך פינקינג מאשינס.

מיר לאדען איין אלע פרעסערס, דעזיינערס און באסעס צו קומען זעהן די נייע מאדעלס פון די ווייער ברעטלעך און סטימערס. אלע זייגען ווילקאמען!

## די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני

321 פינפטע עוו., ניו יארק

טעלעפאן: אשלאנד 6650 און 8651.

קאונטרי ארדערס שנעל אטענדעט.

## וואלדמאן און ליבערמאן
לאיערס
[illegible] BROADWAY, NEW YORK

## אן איינלאדונג צו מיינע פריינד

איך לאד איין אלע מיינע פריינד צו קומען דיזען זומער און פארברענגען אין

## קעמפ טעמימענט

מיט וועלען איך בין פארבונדען. דאס איז דער באוואוסטער, פאפולערער קעמפ אין די איספס. מיר וועלען אויך דאס יאהר צוגרייטען אזויגע געשמאקע און פרישע שפייזען ווי מיר האבען דאס געטאן יעדען יאהר.

איך מאך דאס באקאנט דורך דיזען נאטיץ, ווייל אייערע אדרעסען זיינען פארלארען געגאנגען. איך פארזיכער אייך נאכאמאל, דאס איהר וועט זיין אבאגענעמענע געסט אין „קעמפ טעמימענט".

סעמיועל שינדלער.

## פארלאנגט

אינטעליגענטע מענער און פרויען פאר העלפען קריגען

## לעבענס פארזיכערונג פאליסים

א וואונדערבארע געלעגענהייט פאר די וועלכע ווילען זיך פארזארגען מיט א לעבענס איינקונפט.

פערזענליכע אינסטרוקציעס פערזענליכע אנווייזונגען

נאכפרעגען אין אפיס פון

## ס. היימאן

225 פינפטע עווענו, ניו יארק. טעל. אשלאנד 4414-4415

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

# גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראיי־ניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VIII. No. 25. | New York, Friday, June 18, 1926 | פרייטאג, 18טער יוני, 1926 | PRICE 3 CENTS

## „דעדלאק" צווישען דער יוניאן און די „פראטעקטיוו" גלייך אויף דער ערשטער קאנפערענץ!

### פראטעקטיוו אסאסיאיישאן ענטזאגט זיך צו אונטערהאנדלען די פאדערונגען וואס די יוניאן שטעלט ארויס. — זיגמאן, היימאן און הילקוויט ערקלערען דער יוניאנ'ס שטאנדפונקט. — דזשאינט באארד שטעלט צונויף די סטרייק־מאשינעריע

ווי מיר האבען שוין געמעלדעט לעצ־טע וואך, האט די קלאוקמאכער יוניאן באשלאסען איינצולאדען די אלע אסאסי־איישאנס פון די באלעבאטים אין דער ניו יארקער קלאוק־אינדוסטריע צו א קאנפע־רענץ וועגען באנייען די אגרימענטס אין טרייד, וואס געהען אויס אין צוויי וואכען ארום. און גענאסע מארים הילקוויט, דער לאיער פאר דער יוניאן, האט אין נאמען פון אונזער אינטערנעשאנאל און פון דזש. באארד ארויסגעשיקט א בריף צו די אר־גאניזאציעס פון די באלעבאטים, רופענ־דיג זיי צו א קאנפערענץ. דעם בריף, וואס איז ארויסגעשיקט געווארען צו די באלעבאטים, וועלען די לעזער געפינען געדרוקט אויף א צווייטען ארט אין דער צייטונג.

דער „אינדאסטריעל קאונסיל" פון דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן איז געווען דער ערשטער, וואס האט געענטפערט,— און א קאנפערענץ איז ארגאנזשירט געווא־רען פאר דינסטאג, דעם 15טען דזשון, ביינאכט. אבער די קאנפערענץ האט ניט געבראכט קיינע רעזולטאטען. די קאנ־פערענץ איז פארגעקומען אין מעקאלפין האטעל, האט געדויערט ארום דריי שעה צייט און איז אפגעבראכען געווארען.

די קאנפערענץ איז געפיהרט געווארען אונטער'ן פארזיץ פון פרעזידענט מארים זיגמאן, פארשטעהער פון דער יוניאן, און מר. מאקס מייערס, פון דער פירמע א. בעלער און קא., אלס פארשטעהער פון דעם „אינדאסטריעל קאונסיל".

דער ערשטער האט גערעדט גענאסע מארים הילקוויט, דער לאיער פאר דער יוניאן. ער האט פארגעלייגט דער יו־ניאנ'ס קייס און איבערגעגעבען די פא־דערונגען, וואס די יוניאן שטעלט ארויס און וואס וועלען דארפען איינגעשלאסען ווערען אין דעם נייעם אגרימענט, וואס דארף געמאכט ווערען צווישען דער יו־ניאן און די באלעבאטים.

די פאדערונגען זיינען די זעלבע, וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט ארויסגע־

(שלוס אויף זייט 10).

## לאקאל 12 פון באסטאן פייערט 20 יאהריגען יובילעי

### פרעזידענט זיגמאן וועט זיין אנ־וועזענד.

דעם זונטאג, דעם 20טען יוני, וועט זיין א יום טוב אין דער ארבייטער־וועלט פון באסטאן. עס ווערט דארט געפייערט דער 20 יאהריגער יובילעי פון אונזער לאקאל 12, די קלאוק און דרעס פרעסערס יוניאן פון באסטאן. אין דעם יום טוב באטייליגט זיך ניט נאר אונזער יוניאן, זאנדערען די גאנצע ארבייטער־וועלט פון באסטאן און אומגעגענד.

אונזער אינטערנעשאנאל וועט דארט זיין פארטראטען דורך איהר העכסטען בע־אמטען, דורך פרעזידענט מארים זיגמאן, וועלכער איז ספעציעל איינגעלאדען גע־ווארען פון דעם לאקאל, זיך צו באטייליגען אין דעם יום טוב. וועגען דעם יום־טוב האט פרעזידענט זיגמאן א באזונדער ארטיקעל, וואס די לעזער וועלען געפינען אויף זייט 7 פון היינטיגען נומער „גע־רעכטיגקייט".

אויך מיר, די רעדאקציע פון דער „גע־רעכטיגקייט", שליסען זיך אן צו די אלע בעלי שמחות פון לאקאל 12. מיר באגרי־סען דעם לאקאל צו זיין צוואנציג יאהרי־גען יובילעי, און מיר ווינשען איהם, ווי־טער צו לעבען און טעטיג זיין אויף דעם עקאנאמישען געביט כדי אלץ מעהר צו פארבעסערן און פארשעהנערן דאס לעבען פון זיינע מיטגלידער.

## 44 שיקאגא דרעס סטרייקער געהען אין פריזאן אפזיצען זייער טערמין

### פרעזידענט זיגמאן האלט א רעדע פאר די „ארעסטאנטען". — אונזער אינ־טערנעשאנאל באצאלט א גרויסע סומע אין געלט־שטראפען פאר די פאראורטיילטע. — א גרויסע צאל פון קלאוק און דרעס מאכער בא־גלייטען די בראווע קעמפער צום טויער פון פריזאן און מען באווארפט זיי מיט בלומען.

אלע באמיהונגען פון אונזער אינטער־נעשאנאל, צו באפרייען די העלדען פון שיקאגא דרעס סטרייק, אין יאהר 1924, וועלכע זיינען פאראורטיילט געווארען צו געהן אין פריזאן פאר א געוויסען טער־מין, האט זיך ניט איינגעגעבען און די פאר'משפט'ע האבען געמוזט געהן אין פריזאן אפזיצען זייער טערמין. די געלט שטראפען, וואס דער ריכטער האט אויף זיי ארויפגעלעגט, האט באצאהלט אונזער אינטערנעשאנאל, אבער דעם טערמין אפ־זיצען אין פריזאן מוזען זיי אליין! די מעהרסטע פון די „ארעסטאנטען", 37 אין צאהל, זיינען פרויען, מאנכע פון זיי מו־טערס פון קליינע קינדער, און זיי האבען איבערגעלאזען די היים און געהען אפזי־צען דעם טערמין.

לעצטע וואך איז פרעזידענט זיגמאן געווען אין שיקאגא און געטאן אלץ וואס איז נאר מעגליך געווען צו אפעלירען די קייס, אבער אהן ערפאלג. די קאורטס האבען ניט געוואלט אננעהמען קיין אפיל געגען דעם אורטייל פון ריכטער סאלי־וואן, וואס האט די געוועזענע סטרייקער פאראורטיילט. דאס איינציגע וואס מען קען איצט טאן, איז פרובירען באקומען פאר זיי א „פארדאן", א באגנאדיגונג.

פרעזידענט זיגמאן האט געהאט א קאנפערענץ מיט דעם פרעזידענט און סעקרעטאר פון דער שיקאגא פעדערייש־אן אף לייבאר וועגען דער פראגע פון קריגען א באגנאדיגונג פאר די פאר'משפט'ע

(שלוס אויף זייט 4)

## היינט, פרייטאג, עפענט זיך די יוניטי הויז אין פארעסט פארק

### צו דער געלעגענהייט ווערט געגעבען א גרויסארטיגער קאנצערט. — גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינ־טערנעשאנאל, דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן און כמעט אלע ניו יארקער לאקאלס שי־קען דעלעגאציעס צו דער עפענונג.

די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז, די פראכטפאלע זומער היים פאר די מיט־גלידער פון אונזער יוניאן, אין פארעסט פארק, אויף די „בלויע" בערג פון פענסיל־וועניא, עפענט זיך דעם פרייטאג, דעם 18טען יוני. דאס וועט זיין דער 8טער סיזאן אין דער געשיכטע פון דעם בא־ריהמטען פלאץ, אן אינסטיטוציע וואס איז איינציג און אליין אין דער אמערי־קאנער ארבייטער־באוועגונג.

די עפענונג פון דער יוניטי הויז איז אלע מאל א יום טוב ניט נאר אין אונזער יוניאן, נאר אין דער גאנצער ארבייטער־וועלט, און אומעדום גרייט מען זיך צו דעם יום־טוב מיט געשפאנטקייט.

די ערעפענונג פון דער יוניטי הויז וועט זיין, אזוי צו זאגען, א פולשטענדיגע „רעפרעזענטאטיוו געטהערינג". עס וועט זיין א צוזאמענקונפט, אדער בעסער גע־זאגט, א צוזאמענפאהר פון דעלעגאציעס פון אלע טיילען פון אונזער גרויסער יו־ניאן.

א חוץ די איינצעלנע מיטגלידער אונ־זערע, און אויך מיטגלידער פון אנדערע ארבייטער ארגאניזאציעס וועלכע פאהרען ארויס בלויז צו דער עפענונג, אדער וואס וועלען שוין דארט פארבלייבען פאר זייער וואקיישאן, וועלען זיך דארט צונויפקומען; דעלעגאציעס, פארטרעטערשאפטען פון אלע טיילען פון אונזער יוניאן אין ניו יארק און פון אנדערע שטעדט. דארט וועט זיין פארטראטען דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אינזער אינטער־נעשאנאל און דער דזש. באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן דורך ספע־ציעלע קאמיטעס. דאס גלייכען וועלען דארט אויך זיין דעלעגאציעס פון כמעט אלע לאקאלס אונזערע אין ניו יארק, פי־לאדעלפיא און אנדערע ארומיגע שטעדט און שטעדטלאך. סעקרעטאר אברהם באראף וועט זיין בראש פון דער קאמיטע פון אונזער גענעראל עקזעקוטיוו באארד. פרע־זידענט זיגמאן קאן ניט אנוועזענד זיין, ווייל ער דארף זיין אין באסטאן, צו דעם 20 יאהריגען יובילעאום פון דער קלאוק און דרעס פרעסערס יוניאן, לאקאל 12.

צו דער יוניטי הויז פארט מען מיט

(שלוס אויף זייט 12).

### אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 25

זייט 2. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק־ און דרעסמאכער יוניאן — דזש. פיש.
זייט 3. עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. אויס דעם לעבען פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין לאס אנדזשעלעס—ה. רובינשטיין. וואס הערט זיך אין דער שיקאגא'ער יו־ניאן? — דזש. לעווין.
זייט 4. 44 שיקאגא דרעס־סטרייקער געהען אין פריזאן אפזיצען זייער טערמין — שלוס פון זייט 1. א ווארט צו דער גע־שיכטע פון לאקאל 12—מאקס ווינער.
זייט 5. צו שפעט (ערצעהלונג) — אל־גוריה. מיינע יאהרען—דוד פישמאן.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. צום 20־יאריגען יובילעי פון לאקאל 12—מארים זיגמאן. דעם פרעזידענטס דאך (פעליעטאן) — ז. וואהילער.
זייט 8. נייע וועגען אין דער באוועגונג פון ארבייטער־בילדונג — פאניא מ. כאהן. וועגען אויסצאלונג פון די ארבייטסלאָ־זיגקייטס אינשורענס—מארים קולטשיק.
זייט 9. א סענסאציע וועגען קלאוקס און שנאפס — ה. לאנג. ענטפערס פון רע־דאקציע.
זייט 10 און 11. שלוסען און אדווערטייז־מענטס.
זייט 12. שלוסען פון זייט 1. פארשידענעס.

## לאקאל 50 מעמבערס, פילאדעלפיע, געזעגענען זיך מיט זייער סעקרעטאר

ברודער אב. בלומפעלד, דער סעקרעטאר פון דעם פילאדעלפיער ווייסט־ און דרעסמאכער לאקאל 50 פאר די לעצטע עטליכע יאהר, האט באשלאסען צו נעה־מען אן אפרוה, און די מיטגלידער פון דעם לאקאל האבען איהם געגעבען א האר־ציגען „סענד אף". וויים־פרעזידענט ה. רייזבערג באשרייבט עס, ווי פאלגט:

ברודער אב. בלומפעלד האט געדינט דעם לאקאל אלס סעקרעטאר פאר די לעצטע 4 יאהר. דורך דער צייט פון זיין דינסט האט ער זיך ערווארבען פילע פריינד און פארעהרער. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאגען, אז אלע מעמ־בערס פון לאקאל 50, אהן אויסנאמע, האבען איהם געשעצט און געאכטעט. זיין ארבייט איז אלע מאל געווען אוס־ערמידליך. אז מען נעמט נאך אין אכ־באטראכט דעם פאקט, אז ער האט גע־ארבייט אין שאפ דעם גאנצען טאג, און יעדען פארנאכט געקומען אין אפיס פון דער יוניאן צו ארבייטען ביז שפעט אין אווענט, איז ניט קיין וואונדער וואס די באארד מעמבערס האבען איהם ניט גע־לאזט אוועקגעהן. די באארד איז אבער געווען געצוואונגען אנצונעמען זיין רע־זיגנאציע, ווייל מען האט געמוזט איינ־שטימען מיט איהם, אז ער מוז זיך אפ־רוהען.

דעם לעצטען שבת האט מען זיך מיט איהם געזעגענט. מען האט דאס געטאן אויף אזא אופן, ווי נאר לאקאל 50 מעמ־בערס קענען. א גרופע אקטיווע מעמ־

(שלוס אויף זייט 12)

## זונטאג, דעם 27טען יוני — א „האיק" נאך „אלד פערי פאינט"

זונטאג, דעם 27טען יוני, 9.30 אין דער פרי צו „אלד פערי פאינט", יוניאן פארק, וועסטשעסטער קאונטי, ארראנזשירט פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון אונ־זער אינטערנעשאנאל. נעהמט די איסט סייד סאבוויי ביז 125סטע סטריט. דארט נעהמט 177סטע סטריט טריין. זעהט אז איהר זאלט אהין אנקומען 9.30 אין דער פריה. מיסס דזשעראלדין סאלאבערג און א קאמיטע פון אונזער עדיוקיישאנאל דע־פארטמענט וועט דארט ווארטען פאר אייך.

נעהמט מיט גענוג עסען און א פאר פאטייטאס צו באקען. אויב איהר שפילט אויף אן אינסטרומענט נעהמט עס מיט. ווי אזוי מען וועט דארט פארברענגען די צייט אין געזאנג, פארלעזען און פיזי־שע איבונג און אין שפילען פארשידענע ביימס. קומט אין צייט.

# וואס הערט זיך אין באסטאן?

אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" איז געווען באריכטעט, אז פרעזידענט זיג-מאן האט באזוכט באסטאן אויף דעם פארלאנג פון באסטאנער דזשאינט באָרד. ער האט ביי אונז פארבראכט עטליכע ביזי טעג.

פאר דער צייט האט ער אטענדעט א דזשאינט באארד מיטינג און געהאט א מיטינג מיט'ן באארד אוו דירעקטארס אין באצוג צו די מענעדזשמענט פון אונזער דזש. באארד. ער האט אויך אדרעסירט די פרעסערס, לאקאל 12, ווען זיי האבען געהאט זייער רעגעלען מיטינג. אויך לא-קאל 24, די ריינקאוט מייקערס יוניאן האט געהאט זייער רעגעלען מעמבער-שיפ מיטינג און ברודער זיגמאן האט אטענדעט אויך צו זייער מי-טינג. מיר זעהען שוין, אז ווען דער פרע-זידענט קומט אין באסטאן זאל ער ליידיג ניט זיצען... מיר, באסטאנער, ווייסען שוין, אז אונזער פרעזידענט גלייכט ניט צו זיצען ליידיג, באזארגען מיר איהם שוין מיט מיטינגס איידער ער קומט צו אונז.

❧

וואס אנבאלאנגט וועגען ארבייט, ביי קלאוקס איז ביי אונז איצט די רעכטע סלעק. וואו ניט וואו מאכט מען א טאג אדער 2 דורך דער וואך, אין אנדערע שע-פער מאכט מען א אפילו א טאג אויך ניט.

ביי דרעסעס איז איצט פאראן ארבייט, עס איז אבער ניט ביזי ביי דעם טרייד ווי עס האט באדארפט זיין, אבער אלע אונזע-רע דרעסמאכער זיינען באשעפטיגט. אין א גרויסע צאהל שעפער ארבייט מען אבי-סעל אווערטיים און דאס ניט א געלעגנ-הייט אונזערע קלאוקמאכער ארויפצוכא-פען זיך ביי דרעסעס, דאס הייסט, מיט דער יוניאנ'ס „קאנסענט", און מאכען א דזשאב, אז מען זאל קענען דורכשטופען די ערגערע צייט, ביז עס וועט ווערען אר-בייט ביי קלאוקס. און דערפאר טאקע זיינען אונזערע ביזנעס איידזשענטס ביזי צו אונטערזוכען די דרעס שעפער, כדי זיי זאלען קענען דארט ארויפשטעלען וואס מעהר ארבייטער און אין דערזעלבער צייט צו זעהן, אויב דער סאניטארי לייבעל ווערט אנגעניימט צו יעדען גארמענט וואס אונזערע יוניאן לייט מאכען.

❧

עס איז איצט ניט ביזי אין טרייד, דערפאר, אבער, זיינען געהען אונזערע לא-קאלען ביזי פאר די לעצטע פאר וואכען מיט עלעקשאנס פאר אפיסערס, פאר עקז. באארד און דזשאינט באארד דעלעגאטען.

לאקאל 46, דער דרעס מייקער לאקאל, האט דורכגעפיהרט די עלעקשאן אוו אפי-סערס מיט א 6 וואכען פריהער איידער עס איז געווארען ביזי ביי דעם דרעס טרייד, און די אנדערע 5 לאקאלען ווי 12, 39, 56, 73 און 80, האבען איצט געהאט די עלעקשאנס. און נאכדעם ווי די עלעק-שאנס זיינען פאראיבער קענען מיר אונטערציהען דעם חשבון, אלעס איז דורך בשלום...

אין אלגעמיין איז ביי די היי-יאהר-דיגע לאקאלע עלעקשאנס ניט געווען קיין גרויסע גערעטעניש אויף קאנדידאטען צום לויפען. מיט דער אויסנאמע ביי איינצע לאקאלען, וואו עס זיינען געווען 2 קאנדי-דאטען פאר איין אמט. אין די איבעריגע לאקאלען איז כמעט קיינע געגנער ניט געלאפען. דערפאר, גלויב איך, וועט זיין אביסעל לעבעדיגער ווען מען וועט דאר-פען אויסקלייבען ביזנעס איידזשענטס פאר דעם דזשאינט באארד. יעדער מעמ-בער וועט זיין פאראינטערעסירט אויס-צוזוכען דעם בעסטען מעמבער פאר דעם באצאהלטען אמט, וועלכער זאל קע-נען פארטרעטען אזא אמט. נאך וועגען דעם וועל איך שרייבען א צווייטען מאל.

❧

דאנערשטאג, דעם 3טען דזשון, האבען אלע לאקאלען ארייננעשיקט זייערע נייע ערוועהלטע דעלעגאטען צום דזשאינט באארד, און עלעקשאן פאר אפיסערס איז פארגעקומען.

די פאלגענדע דעלעגאטען האבען אנ-גענומען און עלעקטעט געווארען:

פאר טשערמאן פון דער דזשאינט באארד, בר. קורלאנד, לאקאל 73. פאר וויים-טשערמאן, בר. טאקמאן, לאקאל 12. פאר סעקרעטאר, לאקאל 39, (דער שריי-בער פון דיזע צייל׳ען). בר. האכמאן האט אינסטאלירט די אפיסערס פון דער דזשאינט באארד און ביי דער געלעגנ-הייט געהאלטען א ווארימע רעדע, אין וועלכער די דעלעגאטען וועלן זיך דארפען אריינטראכטען און דורכפיהרען דאס אין לעבען. נאכדעם האט בר. קורלאנד אי-בערגענומען די טשער און האט אפאינטעט די דעלעגאטען צו דער באארד אוו די-רעקטארס.

שרייבענדיג אייך וואס עס הערט זיך אין באסטאן איז אויך כדאי צו שרייבען וועגען דעם אינסטאלישאן וואס לאקאל 73, די קאטערס יוניאן, האבען געמאכט. אלע זייערע מעמבערס מיט די איינגעלא-דענע געסט פון די אנדערע לאקאלען זיי-נען ארויסגעפאהרען. אונטערען שטארם פאר א בינער. בר. זיגמאן איז דאן גע-ווען אין באסטאן און ער האט אינסטא-לירט די אפיסערס מיט א פאסענדער רע-דע. נאכדעם האט מען געגעסען אונטער די טענער פון מיוזיק און דער עולם האט זיך דארט גאנץ פיין אמוזירט. אין אלגעמיין, ווען לאקאל 73 נעמט זיך אונטער עפעס צו מאכען, זעהען זיי אז דער עולם זאל זיין צופרידען.

לאקאל 39, די פינישערס, וועלען הא-בען זייער אינסטאלישאן מיטינג דינס-טאג, דעם 8טען דזשון.

לאק. 12, דער פרעסער לאקאל, געהט איצט פייערען זיין 20 יאהריגען יובילע-אום. דאס וועט פארקומען זונטאג, דעם 20טען דזשון, 6 אוהר פארנאכט אין די היברו סקול אין גלענוויי סטריט, דאר-טשעסטער. עס ווערט געגעבען א באנקעט און דענס. „אינוויטיישאנס" זיינען ארוים-געשיקט געווארען צו אלע לאקאלען פון אונ-זער דזשאינט באארד. וואס עס וועט דארט פארקומען וועל איך אייך א צוויי-טען מאל שרייבען.

ביי דער געלעגענהייט וועל איך צו די מעמבערס פון לאקאל 12 זאגען א פאר ווערטער: 20 יאהר זיינען פאראיבער זינט אייער לאקאל עקזיסטירט. דורכבלע-טערענדיג די געשיכטע פון אונזער יוניאן, זעהט מען, דאס פאר די 20 יאהר זיינען לאקאלען אויפגעבויט און פארשוואונדען געווארען, און דער לאקאל איז געבליבען גאנץ און דערלעבט דעם 20 יאהריגען יו-בילעי, נאך אזא שטורעמדיגע צייט. ניט נאר האט איהר געדארפט קעמפען פאר דער עקזיסטענץ פון דער יוניאן און פאר דעם שטיקעל ברויט, נאר איהר האט אלע מאל געהאט שטערונגען אין לאקאל גופא, ווייל עס איז אלעמאל געווען א פראגע פון קלאוק פרעסער און דרעס פרעסער, און דאך האט איהר די אלע שטערונגען דורכ-געטראגען. איהר האט דאס געטאן מיט'ן באוואוסטזיין, אז די איינציגע באשיצונג פאר ארבייטער איז א שטארקע יוניאן, און עס קומט זיי אויך קרעדיט דערפאר, וואס זיי האבען אפגעשאפט די פראגע אין לאקאל וועגען קלאוק פרעסערס אדער דרעס-פרעסערס. אלע מעמבערס אין לא-קאל זיינען פרעסערס און אלע זיינען בא-רעכטיגט צו מאכען א לעבען.

זייט געגריסט, ברידער פון לאקאל 12 צו אייער 20 יאהריגען יובילעאום! אלע מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאנאל בכלל, און די מעמבערס פון באסטאן בפרט ווינשען אייך אז אייער לאקאל זאל ווייטער עקזיסטירען און אזוי לאנג ווי איהר וועט דארפען זיין אין דער טרייד זאל ביי אייך הערשען איינינקייט און ברידערליכ-קייט אז מיר אלע זאלען קענען צוזאמען קעמפען פאר א בעסערען לעבען.

דוד גאדעס, וויים פרעז. א. ל. ג. וו. י.

# נישטא מעהר מאיר לאנדאן!

(שלום פון זייט 1)

מען דערמאנען מיט ליבשאפט און פאר-עהרונג.

אונזער אינטערנעשאנאל האט זיך באטייליגט אפיציעל אין דער לויה און גע-שיקט בלומען צו לעגען אויף זיין ארון. די אינטערנעשאנאל בילדינג איז איינגעהילט אין טרויער, און טרויעריג פיהלען זיך אלע, וואס האבען פאר פילע יאהרען צו-זאמען מיט איהם געקעמפט און געשריטען פאר א שעהנערער און בעסערער וועלט. סעקרעטאר אברהם באראף רעדט ביי דער לויה אין נאמען פון אונזער אינטערנע-שאנאל. פרעזידענט זיגמאן איז די טעג אין שיקאגא און האט ביי דער לויה ניט געקאנט זיין.

פרעזידענט זיגמאן און סעקרעטער באראף שיקען א טרייסט ווארט צו מרס. לאנדאן.

פרעזידענט מאריס זיגמאן האט צו-געשיקט פון שיקאגא די פאלגענדע טע-לעגראמע:

„א גרוים אומגליק האט געטראפען דער ארבייטער באוועגונג אין דעם טויט פון מאיר לאנדאן! די ארבייטער באווע-גונג האט אין איהם פארלארען איינעם פון איהרע בעסטע זיהן. לאנדאן איז געווען באליבט צווישען אלע שיכטען פון די אר-בייטער און אין דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן איז ער באטראכט געווארען אלס איינער פון אונזערע מעמבערס. פילע לאקאל יוניאנס האבען איהם געמאכט פאר זייערען א מעמבער. לאנדאן איז געשטאנען ביי דער וויגעלע פון דער באוועגונג און ער האט געהאלפען צו מאכען דאס לעבען פון די ארבייטער גרינגער און גליקליכער. מיר קענען זיך ניט פארשטעלען דעם וואוקס און סוקסעס פון אונזער אינטערנעשאנאל אהן מאיר לאנדאן. איך האב קיין ווער-טער ניט אויסצודריקען מיין טיפען שמערץ איבער זיין טויט."

מאריס זיגמאן,
פרעזידענט אינטערנעשאנאל
לײדיס גארמענט ווארקערס
יוניאן.

סעקרעטאר באראף האט געשיקט דער לאנדאן פאמיליע די פאלגענדע טעלעגרא-מע אין נאמען פון אונזער אינטערנעשא-נאל:

„אין נאמען פון דער אינטערנעשא-נאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן און איהר מיטגלידערשאפט, שיקען מיר אייך א טרייסט-ווארט, אין דעם מאמענט פון אונזער אלעמענס גרויסען טרויער. דער גרויזאמער צופאל האט אונז אלעמען ערשטוינט און מיר זיינען איצט ניט אימ-שטאנד אויסצודריקען אין ווערטער אונ-זער אלעמענס גרויסען פארלוסט. אונזע-רע מיטגלידער, וועמען ער האט אומער-מידליך געדינט געטריי און איבערגעבען פאר א פערטעל יאהר הונדערט, באדוי-ערען פון טיפען הארצען דעם גרויסען פארלוסט. זיי האבען פארלארען אן אמת'ען פריינד און ברודער. אין אונזערע רייהען וועט מען איהם שטענדיג געדענ-קען, זיין נאמען וועט פאר אייביג דער-מאנט ווערען מיט פארהערונג און מיט ליבשאפט.

אברהם באראף,
סעקרעטאר אינטערנעשאנאל
לײדיס גארמענט ווארקערס
יוניאן.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלע באהאנט ווערען.




די יוניטי אימעניע אין א קליינעם פארמאט

בלויז איין וואך איז פארבליבען צו דער עפענונג פון דער

# אינטערנעשאנאל יוניטי הויז

אין פארעסט פארק, פא.

## דער פלאץ עפענט זיך פרייטאג, דעם 18טען דזשון, 1926

צו דער געלעגענהייט וועט דארט געגעבען ווערען

# א גרויסארטיגער קאנצערט און ליטערארישער אָווענט

אין דעם מוזיקאלישער פראגראם וועלען זיך באטייליגען:

גרעגארי מאטוסעוויטש, בארימטער קאנצערטינא-שפילער. דארא באשאוער, באוואוסטע סאפראנא, און נאך אנדערע.

רובין גאלדבערג, דער קעניג פון הומאר און געלעכטער, וועט פארלעזען און דעקלאמירען

די „ברוקוואוד פלייערס" וועלען געבען א דראמאטישע פארשטעלונג.

עס וועלען אויך זיין פארשיידענע געימס, פארזוי-לונגען, געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגלען, גימ-נאסטיק און פארשיידענע טענץ.

די יוניטי הויז איז די בארימטע זומער היים פון אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

א חוץ מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל ווערען אין דער יוניטי הויז אויך אויפגענומען מעמבערס פון אנדערע ארגאניזאציעס, און זאנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער ארבייטער באוועגונג.

דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

דער אפיס איז אפען ביז 7 אוהר אָווענט, ארבייטער זאלען קאנען זיך רעדזשיסטרירען געהענדיג פון דער ארבייט. טעלעפאן טשעלסי 2148